Der oyfkum; hodesh-zshurnal far literatur un kultur-inyonim (סוקפּיוא רעד)
New York

Find this Book Online: https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792

Digitized by Google

Original from
UNIVERSITY OF MICHIGAN

Public Domain, Google-digitized

We have determined this work to be in the public domain, meaning that it is not subject to copyright. Users are free to copy, use, and redistribute the work in part or in whole. It is possible that current copyright holders, heirs or the estate of the authors of individual portions of the work, such as illustrations or photographs, assert copyrights over these portions. Depending on the nature of subsequent use that is made, additional rights may need to be obtained independently of anything we can address. The digital images and OCR of this work were produced by Google, Inc. (indicated by a watermark on each page in the PageTurner). Google requests that the images and OCR not be re-hosted, redistributed or used commercially. The images are provided for educational, scholarly, non-commercial purposes.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT
Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized

דער אויפקום

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור־ענינים

רעדאַקטירט פון ז. ווײנפּער.

סעפּטעמבער 1926. נומער דריי ערשטער יאָרגאַנג

י. שטיינבוים

וועגן די אויפגאַבן פון דעם אידישן לערער־פאַרבאַנד

לעצטן חודש מאַי זיינען זיך אין ניו יאָרק צוזאַמענגעקומען איבער הונדערט לערער פון די אידישע וועלטלאַכע שולן אין אַמעריקע און קאַנאַדע און האָבן אָרגאַניזירט א לערער־פאַרבאַנד. דער לערער־פאַרבאַנד וועט, לויט די אָנגענומענע באַשלוסן, באַשטיין פון די לערער און אַנדערע אָנגעשטעלטע פון די ארבעטער רינג שולן, פון די שלום עליכם שולן, פון די פאָלקס־שולן, פון אומאָפּהענגיקע וועלטלאַכע שולן און אויך פון די לערער, וואָס הגם זיי זיינען דירעקט ניט פאַרבונדן מיט דעם, אָדער יענעם טיפּ שולן, זיינען זיי דאָך פּראָפעסיאָנעל פאַרבונדן מיט'ן פאַך, ווי לערער פון מיטלשולן, סעמינאַרן, א. אַז. וו.

וואָס האָט אַזוינס געטריבן די לערער פון די היגע אידישע וועלטלאַכע שולן זיך צו פאַראייניקן, הגם מ'איז אויפ'ן מאָמענט פאַראינטערעסירט בלויז אין איין טיפּ שולן? וועלכע אינטערעסן האָבן דאָ געווירקט, שטילערהייט צי אָפנערהייט, אַז די לערער זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין איין פאַרבאַנד?

די גרעסטע ראָלן האָבן דאָ, בלי שום ספק, געשפּילט די פאָלגנדע אינטערעסן: פּראָפעסיאָנעלע, פּעדאַגאָגישע, געזעלשאַפטלאַכע און אַלגעמיינע שול־אינטערעסן.

די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די לערער

מיט יאָרן צוריק, ווען דער גאַנצער היגער אידישער שול־וועזן איז געלעגן אין די עטלאַכע טעאָרעטישע און פּראַקטישע שול־טוער, פון א גרופּע לערער און סימפּאַטיקער, האָט נאַטירלאַך נישט געקאָנט עמיצן איינפאַלן, אַז דער לערער האָט באַזונדערע אינטערעסן אין דער שול, א חוץ די אינטערעסן פון גאַנצן שול־קרייז. און צוליב צוויי הויפּט־טעמים: קודם כל, ווייל די גאַנצע שול־טעטיקייט איז אָנגעטריבן געוואָרן פון אידעאַליסטן־פּיאָנערן, וועמעס איינציקער ציל איז געווען: איינשלאָגן שול־וואָרצלען אין דער „טרוקענער" אַמעריקאַנער ערד אונטער אַלע אומשטענדן; צווייטנס, ווייל די לערער אין דער פּיאָנער־עפּאָכע זיינען געווען ווינציק אין צאָל און האָבן אין ס'רוב פאַלן געצויגן עקאָנאָמישע יניקה פון אַנדערע באַשעפטיקונגען.

היינט איז די לאַגע גאָר אַן אַנדערע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע געפינען זיך איצטער קרוב צו צוויי הונדערט וועלטלאַכע אידישע שולן און וועלכע עס זיינען באַשעפטיקט עטלאַכע הונדערט מענטשן אַלס לערער, געהילפן און סעקרעטאַרן און אין וועלכע עס לערנען זיך קרוב צו צען טויזנט קינדער. די דאָזיקע שולן האָבן אריינגעצויגן אין זייער קרייז־טעטיקייט טויזנטער און טויזנטער עלטערן פון קינדער, שול־טוער, גלאַט סימפּאַטיקער און א ריי גרויסע אידישע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי: דער ארבעטער רינג, נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע קלענערע לאָקאַלע קולטור־גרופּעס. צו די פאַראינטערעסי־טע צדדים אין דעם נייעם אידישן שול־וועזן קען מען אויך צורעכענען עטלאַכע אידיש־פּאָליטישע

פּאַרטייען, ווי: די פּועלי־ציון, סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, אידישע סעקציע פון דער וואָירקערס פּאַרטי, און אפילו געוויסע ריין עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וואָס באַטייליקן זיך אָפּט אין דער שול־ארבעט אויף דעם, אָדער א צווייטן אופן, באַזונדערס די יוניאָנס. מיר האָבן שוין אפילו א ספּעציעלע שול־אָרגאַניזאַציע — דער שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, וואָס פירט אָן א פאַרצווייגטע טעטיקייט.

אנשטאט דער פריערדיקער קליינער פּיאָנערן־ארבעט, שטייען מיר היינט פאר א ריזיקער באַוועגונג, וואָס האָט מיט איר גרויסן פאַרנעם אין גאַנצן געביטן דעם פריערדיקן סטאַטוס פון די לערער. אנשטאט די איינצונע לערער איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן מיר היינט הונדערטער, וואָס קענען מער נישט זיין עקאָנאָמיש אָנגעוויזן אויף אנדערע באַשעפטיקונגען. און הגם די לערער זיינען אויך היינט, אין די מערסטע פאַלן, פּונקט ווי פריער, די טאָן־געבער, אָרגאַניזאַטאָרן, די וויכטיקסטע טרייב־כוחות אין דער ארבעט, פונדעסטוועגן געפינען זיי זיך איצטער אין א לאַגע פון אָנגעשטעלטע, וואָס דאַרפן דערפילן געוויסע התחייבות׳ן פאַר וועלכע זיי באַקומען א באַשטימטן לוין. אנדערש ווי פריער, זיינען די לערער היינט אין א גרויסער מאָס אפּהענגיק אָן די באַשטימונגען פון די צענטראַלע און לאָקאַלע שול־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען, פון זייער זייט ווידער, אָפּט אָפּהענגיק אָן די פּאָליטישע ענדערונגען אין דעם צענטער פון זייער טעטיקייט.

דער איינצלנער לערער איז מער נישט בכוח צו זיין אליין א צד אין דער גרויסער מאַסן־באַוועגונג. נישט ער קען זיך ווערן, ווען ער דאַרף, און נישט ער קאָן אויספירן, אפילו ווען ער ווערט זיך שוין. זיין פּראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישע לאַגע, וועלכע ער מוז, לכל הפחות, באַשיצן, צווינגט אים זיך צו פאַראייניקן מיט די איבעריקע לערער וואָס געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע.

די פּעדאַגאָגישע אינטערעסן פון די לערער

אויב די געמיינזאַמע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון דער גאַנצער אידישער לערערשאַפט פירן צו א נאַטירלאַכער פאַראייניקונג פון די פאַראינטערעסירטע צדדים די דאָזיקע אינטערעסן צו באַשיצן, ווערן זיי ניט בלויז געפירט צו דער זעלבער פאַראייניקונג דורך זייערע געמיינזאַמע פּעדאַגאָגישע אינטערעסן, נאָר פּשוט געצוואונגען דערצו. און געצוואונגען ווערן די לערער זיך צו פאַראייניקן אויפ׳ן געביט פון אַלגעמיינער פּעדאַגאָגישער ארבעט אי פון זייערע אייגענע לערערישע אינטערעסן, אי דורך דעם שול־וועזן גופא.

אויב מיר שטימען אַלע צו, אַז די לערערשאַפט **דאַרף** זיין עקאָנאָמיש פאַרזיכערט, דאַרפן מיר אודאי צושטימען, אַז פּעדאַגאָגישע **מוז** זי זיין פאַרזיכערט, אנדערש ברעכן מיר אליין אונטער דעם גאַנצן פונדאַמענט פון אונזער שול־וועזן. און ווייטער, אויב ס׳איז נייטיק א געאייניקטקייט מצד די לערער, וואָס ס׳איז שייך זייער עקאָנאָמישער פאַרזיכערונג, איז דאָס אודאי און אודאי נייטיק פאַר זייער פּעדאַגאָגישער פאַרזיכערונג.

דער איינצלנער לערער, אפילו ווען ער ווערט באַהערשט פון די בעסטע מאָטיוון און פאַרמאָגט אָן א שיעור כוחות און אַמביציעס, איז כמעט מאַכטלאָז אויפצוטאָן עפּעס באַשטענדיקס און דויערהאַפטיקס פאַר דער פּעדאַגאָגישער דערהייבונג פון אונזער שול־וועזן, ווען ס׳קומען איבּ ניט צו הילף, מיט די זעלבע מאָטיוון, און כוחות, די איבעריקע לערער. צי עס האַנדלט זיך וועגן א צענטראַלן אָרגאַן פון דער גאַנצער לערערשאַפט, צי עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן כּזר סיסטעם אין די טעגלאַכע ארבעטן אין די קלאַסן, צי עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן מאָסן און סטאַנדאַרטן פאַר די דאָזיקע ארבעטן — קורץ, וועגן וועלכער ארבעט אָן איינצלנער לערער זאָל זיך נישט פאַרטראַכטן, מוז ער אָנקומען צו די איבעריקע, אויב ער האָט באמת אין זין צו שאַפן אַזוינס, וואָס זאָל זיין מאָסגעבנדיס.

און אונזער שול־וועזן נייטיקט זיך אין אַזא פּעדאַגאָגישער פאַראייניקונג נישט ווינציקער, ווי די לערער נייטיקן זיך אין א פּראָפעסיאָנעלער פאַראייניקונג. מיר זיינען שרעקלאַך אָרים כמעט אין אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו שול־ארבעט: ניטאָ קיין פּעדאַגאָגיש־מעטאָדישע ליטעראַטור, ניטאָ קיין אָרגאַן וואָס זאָל זאַמלען, באַארבעטן און צונויפשטעלן וויכטיקע מאַטע־

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

ריאלן פאר אלע לערער, ניטא נאך אפילו קיין געאייניקטער ווילן אוועקצושטעלן דאס לערנען אין די שולן אויף דער סאמע קלענסטער וויסנשאפטלאכער מדרגה ; נאך 10-15 יאר שול־ארבעט אין אמעריקע איז ניטא גארניט, וואס זאל אויף אן אביעקטיוון אופן אפשפיגלען די דאזיקע 15-10 יאריקע שול־געשיכטע.

דער איינצלנער לערער איז בשום אופן ניט בכוח די דאזיקע דחקות צו באזייטיקן. און די פעדאגאגישע דחקות איז צו גרויס, אז מ'זאל ניט מאכן די סאמע גרעסטע אנשטרענגונגען זי צו באזייטיקן.

א לערער איז א פאכמאן. און פון שטאנדפונקט פון זיין ריינער פאכמאנישקייט איז ניטא קיין שום אורזאך, אדער מניעה, וואס זאל שטערן אז דאס לערנען אין די שולן זאל אוועקגעשטעלט ווערן אויף אזא ארגאניזירטן אפיציעלן אופן, וואס זאל זיך מיט גארניט שעמען קעגן אנדערע פעסט־ארגאניזירטע שול־סיסטעמען. צי דער לערער לערנט העברייאיש, אדער געשיכטע, אדער אידיש, אדער אנדערע געגנשטאנדן — אומעטום דארף ער זיין א געשולטער פאכמאן, וואס פארמאגט אי א ציל, אי די נעהעריקע מיטלען דעם ציל צו דערגרייכן. זיין איינענער פאך פאדערט דאס פון אים.

כדי די פראפעסיאנעלע אינטערעסן זאלן קאנען זיין פארזארגט, מוזן די פעדאגאגישע התחייבות'ן אויף אלע געביטן זיין פארזיכערט.

די געזעלשאפטלאכע אינטערעסן פון די לערער

דאס ארגאניזירטע אידישע לעבן אין אמעריקע דריקט זיך אויס דורך די פארשיידענע קולטורעלע און עקאנאמישע גרופן, פאליטישע פארטייען און אנדערע ארגאניזאציעס, וואס זיינען טעטיס אויף דער אידישער גאס. יעדע פון אט די גרופן און פארטייען נעמט נישט נאר אן אנטייל אין די מערסטע געזעלשאפטלאכע אונטערנעמונגען אויף דער גאס, נאר שאפט דעם טאן, באאיינפלוסט דעם גייסט פון די אונטערנעמונגען. דער איינציגער מאדערנער אידישער לערער איז מסתמא אקטיוו אין דער, אדער יענער גרופע, און ווירקט יא, אדער ווירקט ניט אויס קיין איינפלוס אויף די געזעלשאפטלאכע טעטיקייטן. די השפעה פון דער גאנצער אידישער לערערשאפט פילט זיך אבער אין ערגעץ ניט, הגם עס וואלט געווען געוואלטיק וויכטיק פאר די אונטערנעמונגען גופא, א זדאס ווארט פון דער אידיישער לערערשאפט זאל זיך יא הערן.

באזונדערס וואלט דאס געווען וויכטיק אין יענע ענינים, וואס האבן א שייכות צו דער אלגעמיינער אידישער קולטור (און וואס האט דען דערצו קיין שייכות ניט?) מיט וועלכע דער לערער איז אזוי ענג פארבונדן. די אידישע לערערשאפט, ווען געהעריק ארגאניזירט, וואלט אריינגעבראכט איר ווארט, איר טאן, איר לערערישן צוגאנג און דער רעזולטאט וואלט געווען: נישט נאר פאר די לערער, נאר חשיבות פאר אונזער געזעלשאפטלאכער ארבעט. דער גרויסער איינפלוס, וואס עס ווירקט אויס די דייטשע ארגאניזאציע פון די „ענטשידענע שול־רעפארמער" און די פארשידענע ארגאניזאציעס פון ענגלישע לערער און פראפעסארן אין אמעריקע, איז א ביישפיל פון די מעגלאכקייטן, וואס ליגן באהאלטן און ליגן גרייט פאר דער אידישער לערערשאפט איבער דער גאנצער וועלט.

ביז אהער איז קיינמאל ניט געהערט געווארן דאס געמיינזאמע ווארט פון אט דער נייער גרופע אויף דער אידיישער גאס — דאס ווארט פון נייעם אידישן לערער — אפילו אין אזוינע ענינים, וואס האבן אים שטארק אנגערירט. אבער איצט, ווען דער לערער ארגאניזירט זיך פראפעסיאנעל, ווען ער מוז זיך ארגאניזירן אויפן געביט פון פעדאגאגישער ארבעט, זאל אויך געהערט ווערן זיין ווארט אויפ'ן געביט פון אונזערברייטן געזעלשאפטלאכן לעבן.

די אלגעמיינע שול־אינטערעסן פון די לערער

הגם דאס נייע אידישע שול־וועזן אין אמעריקע האט שוין באלד הינטער זיך א געשיכטע פון 15 יאר ארבעט, פונדעסטוועגן האבן מיר ביז אהער זייער ווינציק דערגרייכט קוואנטיטאטיוו. קנאפע צוויי הונדערט שולן איז טאקע א גרויסער ציפער, ווען מ'נעמט אין חשבון די מעגלאכקייטן פון ארבעט פאר נייע אידישע שולן אין אמעריקע ביז אהער ; אבער צוויי הונדערט שולן

פאַרטייען, ווי: די פועלי־ציון, סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, אידישע סעקציע פון דער וואירקערס פאַרטי, און אפילו געוויסע ריין עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וואָס באַטייליקן זיך אָפּט אין דער שול־ארבעט אויף דעם, אָדער א צווייטן אופן, באַזונדערס די יוניאָנס. מיר האָבן שוין אפילו א ספּעציעלע שול־אָרגאַניזאַציע — דער שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, וואָס פירט אָן א פאַרצווייגטע טעטיקייט.

אנשטאַט דער פריערדיקער קליינער פּיאָנערן־ארבעט, שטייען מיר היינט פאַר א ריזיקער באַוועגונג, וואָס האָט מיט איר גרויסן פאַרנעם אין גאַנצן געביטן דעם פריערדיקן סטאַטוס פון די לערער. אנשטאַט די איינצונע לערער איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן מיר היינט הונדערטער, וואָס קענען מער נישט זיין עקאָנאָמיש אָנגעוויזן אויף אנדערע באַשעפטיקונגען. און הגם די לערער זיינען אויך היינט, אין די מערסטע פאַלן, פונקט ווי פריער, די טאָן־געבער, אָרגאַניזאַטאָרן, די וויכטיקסטע טרייב־כוחות אין דער ארבעט, פונדעסטוועגן געפינען זיי זיך איצטער אין א לאַגע פון אָנגעשטעלטע, וואָס דאַרפן דערפילן געוויסע התחייבות'ן פאַר וועלכע זיי באַקומען א באַשטימטן לוין. אנדערש ווי פריער, זיינען די לערער היינט אין א גרויסער מאָס אפּהענגיק אָן די באַשטימונגען פון די צענטראַלע און לאָקאַלע שול־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען, פון זייער זייט ווידער, אָפּט אָפּהענגיק אָן די פּאָליטישע ענדערונגען אין דעם צענטער פון זייער טעטיקייט.

דער איינצלנער לערער איז מער נישט בכוח צו זיין אליין א צד אין דער גרויסער מאַסן־באַוועגונג. נישט ער קען זיך ווערן, ווען ער דאַרף, און נישט ער קאָן אויספירן, אפילו ווען ער ווערט זיך שוין. זיין פּראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישע לאַגע, וועלכע ער מוז, לכל הפחות, באַשיצן, צווינגט אים זיך צו פאַראייניקן מיט די איבעריקע לערער וואָס געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע.

די פּעדאַגאָגישע אינטערעסן פון די לערער

אויב די געמיינזאַמע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון דער גאַנצער אידישער לערערשאַפט פירן צו א נאַטירלאַכער פאַראייניקונג פון די פאַראינטערעסירטע צדדים די דאָזיקע אינטערעסן צו באַשיצן, ווערן זיי נ׳ט בלויז געפירט צו דער זעלבער פאַראייניקונג דורך זייערע געמיינזאַמע פּעדאַגאָגישע אינטערעסן, נאָר פשוט געצוואונגען דערצו. און געצוואונגען ווערן די לערער זיך צו פאַראייניקן אויפ'ן געביט פון אַלגעמיינער פּעדאַגאָגישער ארבעט אי פון זייערע אייגענע לערערישע אינטערעסן, אי דורך דעם שול־וועזן גופא.

אויב מיר שט׳מען אַלע צו, אַז די לערערשאַפט ד אַ ר ף זיין עקאָנאָמיש פאַרזיכערט, דאַרפן מיר אודאי צושטימען, אַז פּעדאַגאָגישע מ ו ז זי זיין פאַרזיכערט, אנדערש ברעכן מיר אליין אונטער דעם גאַנצן פונדאַמענט פון אונזער שול־וועזן. און ווייטער, אויב ס'איז נייטיק א געאייניקטקייט מצד די לערער, וואָס ס'איז שייך זייער עקאָנאָמישער פאַרזיכערונג, איז דאָס אודאי און אודאי נייטיק פאַר זייער פּעדאַגאָגישער פאַרזיכערונג.

דער איינצלנער לערער, אפילו ווען ער ווערט באַהערשט פון די בעסטע מאָטיוון און פאַרמאָגט אָן א שיעור כוחות און אַמביציעס, איז כמעט מאַכטלאָז אויפצוטאָן עפּעס באַשטענדיקס און דויערהאַפטיקס פאַר דער פּעדאַגאָגישער דערהייבונג פון אונזער שול־וועזן, ווען ס'קומען אים נ׳ט צו הילף, מיט די זעלבע מאָטיוון, און כוחות, די איבעריקע לערער. צי עס האַנדלט זיך וועגן א צענטראַלן אָרגאַן פון דער גאַנצער לערערשאַפט, צי עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן כ׳ער סיסטעם אין די טעגלאַכע ארבעטן אין די קלאַסן, צי עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן מאָסן און סטאַנדאַרטן פאַר די דאָזיקע ארבעטן — קורץ, וועגן וועלכער ארבעט אַן איינצלנער לערער זאָל זיך נישט פאַרטראַכטן, מוז ער אָנקומען צו די איבעריקע, אויב ער האָט באמת אין זין צו שאַפן אזוינס, וואָס זאָל זיין מאָסגעבנדיק.

און אונזער שול־וועזן נייטיקט זיך אין אזא פּעדאַגאָגישער פאַראייניקונג נישט ווייניקער, ווי די לערער נייטיקן זיך אין א פּראָפעסיאָנעלער פאַראייניקונג. מ׳יר זיינען שרעקלאַך ארים כמעט אין אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו שול־ארבעט: ניטאָ קיין פּעדאַגאָגיש־מעטאָדישע ליטעראַטור, ניטאָ קיין אָרגאַן וואָס זאָל זאַמלען, באַארבעטן און צונויפשטעלן וויכטיקע מאַטע־

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ריזלן פאר אלע לערער, ניטא נאר אפילו [illegible] נעאיניקסטער וויל [illegible] אין די שולן איז דער [illegible] שאפטלאכער [illegible]; נאך 1915 [illegible] בעם אין אמעריקע איז ניטא [illegible] אויף אן אביעקטיוון [illegible] 15-10 יאריקע [illegible].

דער איינציקער [illegible] בכוח די [illegible] פערזענלעכע [illegible] נים מאכן די [illegible] צו באוויזן.

א לערער איז א [illegible] פונקט פון זיין [illegible] קיין [illegible] אז דאס לערנען [illegible] ווען איז [illegible] וואס זאל זיך [illegible] פעסט[illegible] דער לערער [illegible] אידיש, [illegible] — [illegible] כום דאף ער זיין א [illegible] פארמאגן אן א ציל, [illegible] דעם ציל צו [illegible] פארטרעט [illegible].

כדי די [illegible] קאנען זיין [illegible] התחייבות אויף [illegible]

די [illegible] [illegible] פון די לערער

דאס [illegible] [illegible] מיט די [illegible] בייען און [illegible] מעסיק איז דער [illegible] די גרופן און [illegible] מייל אין די [illegible] נעמונגען איז [illegible] באאיינפלוסט [illegible] מונגען, דער איינציקער [illegible] לערער איז [illegible] ישנער [illegible]

[illegible]

DER OIFKUM

Monthly Journal for Literature and Art

Editor: Z. WEINPER

Managing Editor—A. NISSENSON   Circ. Manager—B. ROTMAN

Office: 84 Bowery, New York City   Phone: Canal 0318

Subscription Price: One Year, $3.00. Single Copy, 25c.

א י נ ה אַ ל ט :

י. שטיינבוים, זינגער, ז. וויינפער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, יעקב גלאַטשטיין, אברהם טייטלבוים, ב. לאַפּין, דוד פּינסקי, י. א. ראָנטש, א. ניסזאָן, ב. קאַצענעלנזאָן, דר. א. אייסן און פאַרשיידענע נאָטיצן.

האָפּקינסאָן טעאַטער

האפּקינסאָן און פּיטקין עוועניוס

טעלעפאָן דיקענס 3014

מישאַ גערמאַן, דירעקטאָר

אָסקאַר גרין, גענעראַל מענעדזשער.

ל ש נ ה ט ו ב ה ת כ ת ב ו !

גרויסע ערעפנונג פון דעם סיזאָן 1926—1927

אָסקאַר גרין פּרעזענטירט

מישא און לוסי גערמאַן

יודעל דובינסקי

דאָנערשטיק, פרייטיק מאַט. און אָוו.
(ראש השנה), שבת און זונטיק מאַט.
און אָוו., 9, 10, 11 און 12טן סעפּט.

מ י ש אַ ג ע ר מ אַ ן ׳ ס אויפפירונג פון
אַ גאַנץ נייער קאָמעדיע־דראַמאַ
צ ו ם ע ר ש ט ן מ אָ ל

ליבע און פריינדשאַפט

LOVE & FRIENDSHIP

פון ס. ה. קאָהן. לירי‌קס פון י. ראָזענבערג
גאַנץ נייע בריליאַנטענע מוזיק פון אונזער
נייעם קאָמפּאָזיטאָר

שלום סעקונדאַ.

ד אָ ס פ י י נ ס ט ע

קליידער געשעפט

פאַר מענער

LEVY BROS.

51-53 CANAL STREET, N. Y.

דער שענסטער אויסוואל פון מענער־קליידער פאַר גרויס און קליין.

א ספּעציעלער אויסוואַל פאַר׳ן הערבסט און ווינטער סעזאָן.

קומט אריין און איבערצייגט זיך.

ב י כ ע ר

אויף לייכטע אויסצאָלונגען.

THE BOOK OF KNOWLEDGE

אַ סעט פון 20 ביכער.

און אַלע נייעסטע ענגלישע ביכער

ווי אויך אידישע ביכער:

שלום עליכם—28 ביכער אין 14 בענדער. י. ל. פּרץ, 13 ביכער. שלום אַש, 16 ביכער. א. רייזין, 14 ביכער. ווי אויך זאַמל־ביכער, זשורנאַלן אין אַלע שפּראַכן ווערט פּינקטליך און גיך צוגעשיקט.

פאַר מעהר איינצעלהייטען שרייבט:

I. L. KALUSHINER

514 Howard Ave., Brooklyn, N. Y.

ארויס פון דרוק אין דע לוקס אויסגאבע

דר. א. אייסען׳ס איבערזעצונג

אָ מ אַ ר כ אַ י אַ ם

מיט א פאָררעדע פון אברהם רייזען

און צייכנונגען פון שאול ראסקין.

הויפּטפּארקויף בא

מאקס נ. מייזעל, 424 גרענד סטריט, ניו יאָרק

די לעזער פון „אויפקום" זאָלן זאָלן קומען

וועגעטאַריאַנישן רעסטאָראַן

78 צווייטע עווענין,

צווישן 4טע און פינפטע גאַס,

(ווי אין פּסוק שטייט „וישכם") און עסן אין
אַלע אַפּגעקומען און אויפגעקומענע קומען
[illegible]ענס? — אוממעגלאַך צו דערציילן —
מ׳מוז עס פּאַרזוכן.

דער אויפקום

[illegible] פאר ליטעראטור און קולטור [illegible]

רעדאקטירט פון ז. וויינפער

[illegible]

איז אַ שרעקלאַך קליינע צאָל, ווען מ׳נעמט אין חשבון, אַז אָט די צאָל שולן צעוואָרפן איבער גאַנץ צפון אַמעריקע, קענען אונטער די בעסטע אַרבעטס־באַדינגונגען ניט אויפטאָן דאָס, וואָס מ׳פאָדערט פון זיי. אויף אונזערע נייע אידישע שולן איז געפאַלן אויך דער גורל פון באַאיינ־פלוסן די אַלגעמיינע אידישע גאַס, דאָס אידישע הויז, כמעט אַלץ וואָס לעבט און ווירקט אין אונזער סביבה. און אין אַ היפּשער מאָס האָבן די שולן דאָס טיכטיס דורכגעפירט. אָבער ביז אַהער האָבן זיי געווירקט בלויז אויף אַ קליינעם פּראָצענט פון דער אידישער לעבעדיקער סביבה און במילא איז דער רעזולטאַט פון זייער השפּעה אַ באַגרעניצטע.

מאָדערנע וועלטלאַכע אידישע שולן אין אַמעריקע דאַרפן ווערן אַ וואַכעדיקע, אַ נאַטיר־לאַכע געשעעניש. וואו נאָר ס׳געפינט זיך אַ שטיקל אידישער ישוב אין אַמעריקע, מוז זיך דאָרט געפינען אַ מאָדערנע אידישע, וועלטלאַכע שול. אַז דאָס זאָל רעאַליזירט ווערן אויפן גאַנצן פּראָנט, פאָדערט זיך באמת די מיטאַר־בעט פון אַלע ראַדיקאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, פון אַלע וואָס שטייען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון אַ וועלטלאַכער אידישער ערציאונג און בילדונג, אָבער איבער אַלץ פאָדערט זיך די אוממיטלבאַרע גרייטקייט פון די לערער זיך אַריינצוטאָן אין דער טעטיקייט מיט זייער גאַנצן ברען און אי־בערגעבנקייט. נאָר זיי, די לערער, זיינען בכוח צו דערפירן די באַוועגונג צו אַזוינע רעזולטאַטן, וואָס זאָלן ווערט זיין אַל־די כוחות און אַל־די געלטער וואָס זי, די שול־באַוועגונג קאָסט אָפּ.

דער ערשט־נעגרינדעטער פאַרבאַנד וועט אודאי זייער פיל אויפטאָן אין דעם ענין פון באַפעסטיקן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די לערער; דער פאַרבאַנד וועט אודאי אויך קענען זייער פיל דערגרייכן אויפן געביט פון פּעדאַגאָ־גישער אויסבעסערונג סיי וואָס נוגע די שולן, סיי די לערער; דער פאַרבאַנד וועט, ווען גע־איינזיקט, אויך זיכער לאָזן הערן פון זיך, ווען געוויסע געזעלשאַפטלאַכע אינטערעסן וועלן דאָס פאָדערן; און לעצטנס וועט דער לערער־פאַר־באַנד אודאי אויך פיל בייטראָגן צו דער פאַר־מערונג פון דער צאָל שולן, וואָס דאָס אַליין וועט פאַרשאַפן דער אָרגאַניזאַציע פון די לערע־זייער פיל חשיבות און גרויסע מעגלאַכקייטן פאַר דער דורכפירונג פון אַלע זיינע צילן.

ש. ד. זינגער.

אין וואונדער

דאָס רויטע פּנים פון דער זון
שטייט פאַרגליווערט און אָפּגעשטעלט,
דורך דער גרינער פולקייט פון וואַלד
לויכט דער וואונדער פון דער וועלט.

די שפּיצן פון די ביימער
ווי דער גלאַנץ פון שווערד,
בלאַנקן שאַרף און שטענדיק
אויף דער היינטיקער ערד.

ביזט אַדורכגעגאַנגען שוין
דעם וואַלד׳ס גרינער פולקייט,
ביזט אַוועקגעגאַנגען שוין
צו דיין מלכות׳דיקער שטילקייט.

שטייט אַצינד דער לעצטער, קיילכ־
דיקער פלעק,
אין וואונדערלאַכן רויט און פאַרגעלט —
שטייט די זון, דער וואונדער אויף
אַלע וועגן —
פאַרגליווערט און אָפּגעשטעלט.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

ב. לאַפּין.

אַ באַלאַדע וועגן איינעמס טויט

אַ. כ׳ווייס ניט ווי אַזוי דערציילן דיר דאָס אַלץ,
דו זאָלסט מיין האַרץ דערזען, ווי דורך אַ ליכטיק שויב;
מען האָט דאָך מיך געכאַפּט באַ זיין געקוילעטע האַלז,
בין אומשולדיק אין מאָרד, און אין מיין שולד איך גלויב.

ווען אַלע זאָגן יאָ, — און צווישן זיי — אויך דו, —
קאָן איך דען זאָגן: ניין? — און כ׳בין נישט זיכער מער;
פון איצטער נעם איך שוין מיין שולד צוריק ניט צו,
אפילו ער אַליין קומט זאָגן, אַז נישט דער...

דאָך וויל איך רעדן לאַנג, מיין האַרץ איז איבערפולט —
אַזוי ווי פון אַ קנויל זאָל וויקלען זיך דער ברעג;
וועט אפשר דאַן אַליין אַרויפגיין קלאָר מיין שולד,
צו וועלכן ס׳איז אַזוי געהיימניספול דער וועג!

דער ערשטער טרעפונגס-טאָג, — געדיינק איך אים ווי היינט:
געוועזן בין איך ווי טויט, — אַ מיאוס׳ער אָרימאַן!
צוליב אַ שטיקל ברויט געוואָרן ביידע פריינט,
מיט דאַנקבאַרקייט האָב איך פאַרקויפט זיך אים פון דאַן! —
ער איז געוועזן גוט, ער האָט עס שטאַרק געוואוסט,
אַ זעלבסטגעפיל דערפאַר זיין פּנים האָט באַשטראַלט;
די האַנט — איינמאָל געשטרעקט, אַ צווייטן מאָל געמוזט.
דערנאָך — ווער פילט דען מער, ווי נידעריק מען פאַלט?

קיין פריינט חוץ מיר פאַרמאַגט, געליבטע, פרוי און קינד, —
האָט אין דער בחור׳שאַפט זיין הויכן ציל געזען.
זיין גרויסע הויז — פאַרפולט מיט טויבן, — סעץ און הינט,
אַ פריינט פון אומבאַשיצטע איז מיין פריינט געווען...

אַ ניין, פאַר דיר איז פרעמד דאָס צווייענדיקע שפּיל:
אַ וואוילטעטער —אַ פריינט זאָל איינעם קאָנען זיין!
כאָטש ס׳פלעגט מיין פרוש-פריינט אַלץ טאָן באַשיידן, שטיל,
נאָר דאָס פלעגט מאַכן מיר נאָך טאָפּלטער דעם פּיין.

אָן אים וואָלט איך געוויס געשטאָרבן שוין פון לאַנג,
צו כ׳וואָלט דער גאַנצער וועלט מיין אָרימקייט אַנטפּלעקט.
פון אַלע מיינע רייד געוואָרן וואָלט איין דאַנק,
פאַר די, צו וועמען כ׳וואָלט מיין אָרימע האַנט געשטרעקט.

צו דען איז נישט אַלץ איינס, אַז ער האָט אַלץ דערפילט,
אַלץ וואָס איך קום דער וועלט, געהער צו אים אַליין.
ער האָט ווי מיט אַ פויגל אין דעם שטייג געשפּילט
ער לאָזט עס ניט אָן שפּייז, דאָך אויף דער פריי ניט גיין!

איינמאָל, — פון דאַן, קאָן זיין, האָט דאָס געמוזט געשען, —
האָב אַ פאַרבאָרגן האַס צו אים אין האַרץ דערפילט.
די חיות פון זיין הויז, און ער — דערשפּירט, דערזען...
אַ קריג האָט צווישן אונז זיך אין געהיים צעשפּילט.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

כ'האב דאך אין זעלבער צייט — געליבט אים
און געהאסט,
צעשיידן זיך מיט אים — זיך אפּהאקן א גליד;
בין ווי דער קעמל גלייך — געוואוינט צו
שווערע לאסט,
די פוסטע שווערקייט מאכט פארברעכעריש
און מיד.

כ'הער ריידן אומעטום פון סודות אומאנטפלעקט,
וואס מענטשן זוכן אום און שטארבן נישט-
געזען;
באגרייפן נישט דעם סוד אין אייגן הארץ
פארדעקט;
זיי ווייסן ניט אצינד, וואס שפּעטער וועט
געשען!

א טויטפארדארבנד גיפט, ווי קומט צום
קליינעם פליג?
ווי קומט צום יונגן הארץ א מערדערשער
געדאנק?
פארוואס איז אומגליקלאך דער זעטיקער
מיט זיג?
וואס בויט דער פרייער מאן אליין זיך זיין
געפאנג?

ווי פּאאוטינגעוועב, וואס וועבט די בייזע שפּין,
אזוי ווי ס'גנב'עט זיך אין הארץ די משוגעת;
האט שטיל געוועבט זיין טויט בא מיר אין
קראנקן זין
דער אומדערקלערלאכער און אויפגערעגטער האס.
א חיה דא אזא, — ווען דער פארצוק גייט
שלעכט,

דער קרבן האט פון איר זיך קלוג ארויסגעדרייט,
פאר שאנד צופליקט איר לייב, אליין די פיס
צוברעכט,
און וואיעט, וואיעט שטיל אין איינזאמקייט
פארגייט!—

מיין פריינט האט זיך געפיינט און אומגעיאגט
זיך ווילד,
ווי פון א שלאנגענביס, ווי פון א וואנזינשלאג;
האט אומעטום געזען פאר זיך זיין טויטע בילד,
וואס א צעבלוטיקטע בא מיר אין הארצן טראג...

א קראפט האב איך דערפילט, וואס האט מיך
איבערשטארקט,
ווי ס'פאלט א טייכן-פיש אין ברויזן ים אריין;
און ווי די חיה ווילד, מיט איר פארצוק זיך
ווארגט,
האט מיך געברענט געשטוינט מיין אייגענער
ווילדער שיין.

מען טאר, מען טאר דער שרעק ניט קוקן אויף
צוריק,
ניט אפּשטויסן די האנט, וואס בעט נאך הילף
צו דיר.
דאך ווי דער פליג — דער פלאם, האט אים
געפירט מיין בליק,
פאר'כשופ'ט נאכגעגאנגען איז ער נאך מיין
דיר...
כ'האב שטאלן-גלאנץ דערזען אין פולן אויג
בא אים,
א מעסערשארפעריי — אין זיינע טריט
דערהערט;
און ניט פון דער וועלט שוין געקלונגען האט
זיין שטים,
פון זעלבסטבאשווערונג איז מיין פריינט
געווען באשווערט!..

ווען כ'האב נאך הילף געזוכט, איז שוין געווען
שפּעט...
האב פאר דעם טויט אנבליק פארציטערט
אים געזען.
מיין פריינט'ס געזיכט האט שוין א פרעמדער
שיין געגלעט,
דאס אומפארמיידלאכע איז אומגעריכט געשען.
און ס'איז זיין מעסערפלאך געווען מיט בלוט
באשפריצט,
ווי פאר א שטורם-נאכט — דער רויטער
זונפארגיין;
דער בייזער לעבנס-סוד האט פאר מיר
דורכגעבליצט,
אן אומבאוועגלאכער געבליבן פאר אים שטיין!..

טשילי, 1914

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

ז. ווײנפער

כאָליעריע

עס איז געווען נאָך דער ערן פאָרשטעלונג לכבוד דעם „יונגן שטערן" קעסל. מען האָט געשפּילט דעם „ווילדן", און נאָך דעם, ווי קעסל איז באַגריסט געוואָרן מיט א רעגן פון בלומען, ריזיקע אַפּלאָדיסמענטן און באַגייסטערטע אויסגעשרייען, האָט זיך א צאָל פון זיינע נאָר אינטימע פריינט פאַרזאַמלט אין א דאַון טאַונער רעסטאָראַן צו מאַכן א ליאַמע צוזאַמען מיט דעם „אויפגעשיינטן שטערן" אויפ'ן הימל פון דער אידישער בינע.

אַרום אַ ריי צוזאַמענגעשטעלטע טישלאַך זיינען געזעסן אַ צאָל שוישפּילער און שוישפּילערינס, שריפטשטעלער, גלאַט מענטשן און דער קוילמאַן בראַמבערג. דער לעצטער האָט פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן לעבן דער רעכטער זייט פון קעסל'ען.

דאָס ליכט פון קאַפע־הויז האָט זיך געמישט מיט דעם ליכט פון די אימיטירטע און עכטע דימענטן אויף די הענט, אויערן און העלדזער פון די דאַמען, אָבער נאָך שענער האָבן געשיינט אַלעמענס אויגן.

די קעלנערס האָבן דערלאַנגט געבראָטענע קאַטשקעס. דיקע בלוט־רונדיקע סטייקס אויף הילצערנע ברעטלאַך און נאָך פאַרשיידענע בייסיקע מאכלים און איבער אַלץ ווײַן, — רויטן ווײַן, ווייסן ווײַן, שלעכטן ווײַן און ערגערן ווײַן.

בראַמבערג איז געזעסן איבער אַ גרויסן דאָבעלטן סטייק מיט ציבעלעס און פראַנצויזישע געבראָטענע קאַרטאָפּליעס און געשוויצט. דער דינער, קוים מערקבאַרער קוילנשטויב, וואָס איז געווען טיף פאַרזעצט אין דער הויט פון זיין ברייטן פּנים, צענאָסענעם האַלדז און דיקע פינגער האָט דעם רינענדיקן שווייס פון אים געגעבן אַן עטוואָס טונקעלן קאָליר.

חברה האָט זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטלאַך, און אַז בראַמבערג איז געפעלן געוואָרן אַ ווערטל, האָט ער איבערגעריסן אויף א רגע דאָס עסן און זיך ברייט צעשמייכלט:

— „אָטאַ־בוי" — האָט ער אַלע ווײַלע א מרוקע געטאָן און נאָך יעדן מרוקע אַזעלכן האָט ער אַ זעץ געגעבן קעסל'ען מיט'ן עלנבויגן אין זייט אַריין.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט, כאָליעריע?

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. אַנדערע האָבן גערעדט שאַבלאָן. ווערטער, וואָס מען האָט שוין טויזנט מאָל געהערט, און אַנדערע האָבן גערעדט אינטערעסאַנט, אָבער אַלע האָבן געזונגען אַ לויב־געזאַנג צו דעם נייעם שטערן קעסל.

בראַמבערג'ס „אָטאַב־בוי" איז אַלע ווײַלע אַריינגעפאַלן די רעדנער אין די רייד אַריין און עס איז געווען מאָמענטן, ווען זיין „אָטאַ־בוי" האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַן אָפּגעגריזשעטער ביין, וואָס פליט פון עמיצנס אַ טעלער דיר אין פּנים אַריין, אָבער מען האָט געדולדעט.

מען האָט געוואוסט פון דער פריינטשאַפט צווישן אים און קעסל'ען און מען האָט געדולדעט.

נאָר אָט האָט זיך אויפגעשטעלט דער רעדאַקטאָר פון דעם קונסט זשורנאַל „דער מאָרגן" און אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דער געשמאַקלאָזיקייט, וואָס הערשט איצט אין אונזער אידיש טעאַטער. זיין בלאַס פּנים איז נאָך בלאַסער געוואָרן און זיינע שוואַרצע האָר זיינען אים געפאַלן צום שטערן.

— אַזאַ טאַלענטפולער מענטש, ווי קעסל דאַרף זיך שעמען צו שפּילן אין אַזעלכע פּיעסן, ווי דער „ווילדער!" — האָט ער אויסגעשריען מיט צאָרן — עס איז אַ פאַרשוועכונג פון זיין טאַלאַנט! און אַן אומגליק פאַר אונזער קולטור!

— האָט ער געדונערט — אויב די אידישע עקספּרעס־לייט, קוילן־לייט און אייז־לייט ווילן גיין אין טעאַטער, זאָלן זיי גיין צו די „בייליקס" און צו די „לעכיוואָוו'ס" וואו מען שפּילט פאַקטיש ביליקן וואָדעוויל און נישט קיין טעאַטער, אָבער די קעסלס לאָזט צו רו! די בעסערע אידישע שוישפּילער דאַרפן מיר פאַר זיך! פאַר דער אידישער אינטעליגענץ!

— אַ מכה! — האָט פּלוצלינג זיך א הויב געטאָן

טאָן איבער׳ן טיש אַ צעבייזערטע שטימע, און דער רעדנער איז געבליבן שטיין ווי אַ צומישטער.

— אַ מכה! — האָט נאָכאַמאָל אַ רעווע געטאָן די זעלבע שטימע און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט.

בראַמבערג איז געשטאַנען, זיין פּנים איז געווען רויט און רציחה׳דיק, זיינע נאָז־לעכער האָבן זיך געבלאָזן, ווי בײַ אַ צורייצטן אָגער, זיינע אויגען האָבן געשפּריצט מיט פייער.

— קוילן־לייט! — האַ?... און אויסשטרעקענדיק זיין קולאַק צום רעדנער, האָט ער מיט רציחה אים אַ וואָרף געטאָן:

— כאָליעריע, וואָס איר זענט!

דער עולם האָט אַ רוק געטאָן די ביינקלאַך און זיך אָנגעהויבן אויפהויבן פון די ערטער.

— זעץ זיך אַוועק. — האָט קעסל זיך געבעטן בײַ בראַמבערגן.

— שטייט אים ניט אָן קיין קוילן־לייט! — האַ? — האָט בראַמבערג גערעוועט ווי אַ אונטערגעשאָסענער אָקס און עס איז אים געווען אוממעגלאַך איינצושטילן.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבע נאַכט בראַמבערג׳ן האָט קעסל באַרואיקט און אים אַ היים געשיקט אין אַ טעקסי, די מערסטע געסט זיינען געגאַנגען אַ היים אַנטוישטע, וואָס די ליאַמע איז פאַרשטערט געוואָרן צוליב עפּעס אַ „גאָרילאַ“ וואָס דער טאַלאַנטפולער שוישפּילער האָט זיך אָפּגעזוכט פאַר אַ פריינט. בלויז דער דירעקטאָר מיט זיין יונגער שיינער פרוי און נאָך אַ פּאָר שוישפּילער פון דעם זעלבן טעאַטער זיינען געבליבען מיט קעסל׳ען.

די נאַכט איז געהאַנגען אַ שטילע איבער זייערע קעפּ און זיי זיינען געגאַנגען שווייגנדיק איבער דער צווייטער עווניו. פּלוצלונג איז איינגעפאַלן דעם דירעקטאָר, אַז מען זאָל אַריינגיין אין אַ קאַפע־הויז טרינקען אַ קאַווע.

— ניין, — האָט נישט מסכים געווען דעם דירעקטאָר׳ס פרוי.

אָנשטאָט אַ קאַפעהויז האָט זי פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל צופאָרן צו זיי אין הויז. וואָס איז סיי ווי נישט ווייט פון דאַנען און דאָרט פאַרענדיקן די נאַכט.

— וואָס האָט זיך אַזוי טרויעריק אָנגעהויבן פאַר מיר — האָט קעסל איראָניש באַמערקט.

— נו, נו, עס וועט זיך אויספּרעסן, מיין פריינט, — האָט אים דער דירעקטאָר גענומען באַרואיקן.

באַם דירעקטאָר אין הויז האָבן זיך אַלע דערפילט היימיש און באַקוועם. אין אַ גרויסן צימער מיט טלאַכע דיוואַנען און קושענס אויף דעם פיינעם פּערזישן טעפּיך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויפ׳ן דיל, האָט מען זיך צעלייגט און צעזעצט. דער דירעקטאָר אַליין האָט געבראַכט ווײַן און ליקער און די פרוי זיינע האָט אַליין גענומען צוגרייטן קאַווע אויף דעם עגיפּטישן אַפּאַראַט, וואָס איז טאַקע געשטאַנען אינ׳ם זעלבן צימער. דאָס צימער איז געווען בלויז האַלב באַלויכטן און אין דער אַטמאָספערע האָט זיך דערפילט יענע אינטימקייט, וואָס וועקט אויף אין מענטשן דעם פאַרלאַנג צו ריידן וועגן זאַכן, וואָס ליגן טיף באַהאַלטן אין די הערצער.

קעסל האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און אַרויסלאָזנדיק אַ פּאָר וואָלקנדלאַך מיט רויך, האָט ער, ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— אַלעמען וואונדערט, וואָס איך חבר זיך אַזוי מיט אָט דעם קוילמאַן!

חברה האָט אָנגעשטעלט די אויערן און קעסל האָט זיך צורעדט. פון אָנפאַנג האָט זיין שטימע געקלונגען מעלאָדראַמאַטיש, „שוישפּילעריש“, אָבער וואָס ווייטער האָבן בילדער נאָך בילדער אַרויסגעשוועבט פון זיינע ווערטער, אַזוי אַז אַלע האָבן מער נישט געשיינקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו די אויסערלאַכע עפעקטן פון זיין דערציילן, נאָר צו דער דערציילונג גופא.

מיט אַ יאָר צען צוריק אין אַ קעלער פון אַ גרויסן אידישן שפּיטאָל. דער קעלער איז געווען אומגעהויער גרויס, די פענצטערלאַך, וואָס זיינען געווען אויף דער אויבערשטער טייל פון דער רעכטער זייט וואַנט, האָבן אויסגעקוקט, ווי קורצזיכטיקע אויגן פון אַ זקן. דאָס גרויע ביסל ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך זיי האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם בלאַסן שיין פון די פּאָר לעמפּלאַך, וואָס האָבן געברענט דאָ און דאָרט אויף דער גרוי־געקאַלכטער סטעליע.

אַכט

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized

Digitized by Google

Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

דאָס איינציקע שטיק אָרט, וואָס איז געווען שטארק באלויכטן איז געווען לעבן אָפענעם טירל פונ׳ם גרויסן, ברענענדיקן אויוון.

בראָמבערג איז געזעסן אויף א קעסטל און זיך געווישט דעם רינענדיקן שוויים פונ׳ם פעטן פנים מיט א שמוציקן טיכל. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן א פאראכטנדיקן בליק אויף דעם אויסגעדארטן בחור׳ל, וואָס האָט אַלע ווײַלע צוגעבראַכט פון יענער זייט קעלער א לאָפעטע מיט קוילן און זיי פאָרזיכטיק אריינגעוואָרפן אין אויוון אריין.

— העי, דו כאָליעריע! — האָט ער א געשריי געגעבן אויף דעם דאַרן בחור׳ל.

דאָס בחור׳ל, וואָס האָט ערשט געארבעט דעם ערשטן טאָג אין אָט דעם קעלער און אין וועמענס אויגן אָט דער גרויסער און שווייסיקער בראָמבערג האָט אויסגעקוקט, ווי אַן אויסטערלישע צורייצטע חיה, איז געבליבן שטיין מיט דער לאָפעטע אין האַנט א צושראָקענער און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— ווי לאַנג צוריק האָסטו געזויגן דער מאַמעס ציצקעס? — האָט אים ווייטער בראָמבערג א פרעג געטאָן מיט א חוזק׳ל אויף דעם צעגאָסענעם פנים, וואָס האָט געגלאַנצט אינ׳ם שיין פונ׳ם ברענענדיקן אויוון.

— אָבער, מר. בראָמבערג, — האָט דאָס בחור׳ל געפּרואווט עפּעס זאָגן. נאָר בראָמבערג האָט אים נישט געלאָזט פארענדיקן און אויפשטעלנדיק זיך אויף זיינע צוויי פיס, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי צוויי דיקע דעמבענע ניט אָרומגעטעסעטע קלעצער, האָט ער א נעם געטאָן די לאָפּעטע פונ׳ם בחור׳לס האַנט און זיך געלאָזט גיין צו דער זייט, וואו א הויכער באַרג קוילן האָט זיך גע׳חושכ׳ט אין דער טונקלקייט פונ׳ם קעלער.

— קום אהער, כאָליעריע, וועסטו זען, ווי א מאַן וואַרפט קוילן אין א אויוון אריין. — האָט ער מיט א ברייטע שטימע, ווי פון א פעסל ארויס א ברום געטאָן, און איידער דאָס בחור׳ל האָט נאָך באוויזן צו צוגיין צו אים, האָט שוין א שאַרפער קלינג פון דער לאָפּעטע זיך א וויג געטאָן אין דעם חלל פונ׳ם קעלער און די קוילן האָבן אָנגעהויבן פליען מיט׳ן אימפּעט פון ביקסן־שיסעריי אינ׳ם ברענענדיקן אויוון אריין.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך זעקס א זייגער אין אָוונט, ווען זיי זיינען ארויפגעקומען פון קעלער. אין קאָרידאָר, וואָס איז געווען צווישן דער קיך און די עס־צימערן פאַר די אָנגעשטעלטע האָט א שלאָג געטאָן מיט די ריחות פון די אַפּעטיטנע מאכלים.

בראָמבערג האָט א צי געטאָן די לופט מיט די צעעפנטע נאָז־לעכער און אינ׳ם בחור׳לס אויגן האָט ער דעמאָלט אויסגעקוקט, ווי א געזונט אויסקגעהאָרעוועט פערד, וואָס מען האָט נאָר וואָס אויסגעשפאַנט פון כאָמעט.

— נו, וואָס שטייסטו? — האָט ער זיך א בייזער געטאָן און אונטערשטעלנדיק דעם קאָפּ אונטער דעם לויפנדיקן וואַסער פון א קראַן, האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין מרוקען:

— שטייט, די כאָליעריע!

דאָס בחור׳ל האָט זיך אויך גענומען אָרומוואַשן.

ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט׳ן וואַשן זיך, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין עס־צימער, וואָס איז געווען ספּעציעל פאַר די נידעריקע אָנגעשטעלטע. פון ערגעץ האָט זיך באוויזן א יונגע שוועסטער אין ווייסן און אָפּשטעלנדיק דעם בחור׳ל האָט זי אים געבעטן אַרונטער גיין פאַר איר׳ט וועגן אין גאַס אריין.

— דינגט אייך א באַדינער, — האָט בראָמבערג אויף איר זיך צעשריגן און אָננעמנדיק דעם בחור׳ל באַם אַקסל, האָט ער אים מיטגעשלעפּט מיט זיך אין עס־צימער.

נאָכ׳ן עסן זיינען זיי ארויף אין א צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי בעטלאַך באַ די זייטן פון די ווענט.

— זעסט, אָט אויף דעם בעטל וועסטו שלאָפן, — האָט ער אָנגעוויזן דעם בחור׳ל מיט א האַנט.

דאָס בחור׳ל איז געווען מיד און האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו גיין אין בעט אריין.

— וואָס־זשע אַזוי פרי שלאָפן?

— איך בין אויסגעמאַטערט, — האָט דאָס בחור׳ל געזאָגט.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized

Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

— פון א פאר לאפעטעם קוילן ?

דאס בחור'ל האט זיך דערפיהלט געטראפן.

— מסתמא מיט מוידן זיך ארומגעשלעפט, הא ?

— איך האב נישט צו טאן מיט קיין מיידלאך.

— נו, וואס דען, אזא כאליעריע, ווי דו וועט האבן מיידלאך ? — האט בראמבערג א פליישיקן שמייכל געטאן און ארונטערשלעפנדיק פון זיך דאס שמוציקע העמד האט ער א קרעכץ געטאן צו זיך :

— עך, ווי איך וואלט עס איצט געקאנט פארדייען א מויד.

— וואסזשע עס פעלן דא שוועסטער ? — האט דאס בחור'ל זיך געפרואווט א וויצל טאן.

— א כאליעריע זאל זיי טרעפן ! — האט ער זיך צושאלטן און א שפיי טוענדיק אויפ'ן דיל לעבן זיין בעט, האט ער זיך צורעדט.

— קריכן צו די דאקטוירים, די כאליעריעס !

דאס בחור'ל האט א קוק געגעבן אויפ'ן שפיי, וואס איז געבליבן לעבן בראמבערג'ס בעטל און ווי עס ווייזט אויס, האט זיך זיין פנים פארקרימט פון עקעל, ווארים בראמבערג האט אים געפרעגט, צי ער האט בויך־ווייטיק.

— שפייט נישט אויפ'ן דיל, — האט דאס בחור'ל ארויסגעשטאמלט מיט געבעט און לאזנדיק זיך צום ווינקל לעבן דער טיר, האט ער אויפגעהויבן דאס שפיי־קעסטל און עס געוואלט צוטראגן צו בראמבערג'ס בעט.

— שטעל אוועק כאליעריע ! — האט בראמבערג אויף אים א רעווע געטאן און פאררויכערנדיק א סיגארעט האט ער אין א ווײלע ארום צוגעגעבן :

— איידל געפאטשקעט, הא ?

מער האט ער יענעם אוונט נישט גערעדט, נאר פון צייט צו צייט האט ער א שפיי געטאן פון צווישן די ציין ארויס, וואס איז געפלויגן מיט א קנאל איבער דעם חלל פונ'ם צימער און איז אריינגעפאלן אינ'ם שפיי־קעסטל, וואס איז געשטאנען אין ווינקל פון יענער זייט צימער.

אויף מארגן אין דער פרי האט דער פאר־

וואלטער פונ'ם שפיטאל געגעבן א באפעל צום בחור'ל, אז ער זאל אויסווישן מיט א מאפ אלע צימערן פונ'ם אונטערשטן שטאק.

— אבער נאר טאקע דעם אונטערשטן — האט בראמבערג זיך געווענדעט פאר'ן בחור'ל צום פארוואלטער און ארונטערגייענדיק צו זיך אין קעלער האט ער איבערגע'חזר'ט אין דער הויך, אזוי אז דער פארוואלטער זאל הערן :

— בלויז דעם אונטערשטן, דו הערסט, כאליעריע ?

עס איז געווען א גאלדענער סוף־זומער פרימארגן. אינ'ם ליידיקן גרויסן צימער, וואו דאס בחור'ל האט געארבעט מיט'ן מאפ האט אריינגעשיינט די זון דורך די צוויי גרויסע אפענע פענצטער און זיך געלעגט אויפ'ן דיל אין צוויי ברייטע באלכסונדיקע גאלדענע פאסן. דאס בחור'ל האט געשארט מיט דעם „מאפ" איבער'ן דיל און יעדעס מאל, ווען אים איז אויסגעקומען פארבייצושארן דעם „מאפ" איבער די גאלדענע פאסן איז ער געווארן פארזיכטיקער.

עס איז געווען אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט, אז די שמוציקע שמאטע זאל נישט דאס גאלד פארפלעקן.

א קיל ווינטעלע האט זיך געיאגט איבערן צימער און אנגערירט זיינע צעפאטלטע האר, און דאס ווינטעלע האט א שמעק געטאן צו אים מיט'ן אנקומנדיקן הערבסט.

דאס בחורל האט זיך פארטראכט. אים איז געקומען אויפ'ן געדאנק דער דירעקטאר פון א פראווינץ טעאטער, וואס האט אים צו געזאגט אנגאזשירן און ער האט זיך שוין דערזען פארנדיק אין א באן צו א ווייטע שטאט ערגיץ אין דער וועסט צוזאמען מיט נאך שוישפילערינס און שוישפילער.

— וואס פאר א פיעסן וועט מען דארט אויספירן ?

ער האט זיך דערזען אין א ראלע פון א יונגן ליבהאבער.

די בינע איז באלויכטן און ער אינ'ם רייכן הויז פון זיין געליבטע זיצט אויף א ווייך סאפקעלע און דערציילט איר וועגן זיין ליבע :

— „כאטש ארעם בין איך, אבער א הארץ האב איך, א הארץ, וואס קלאפט מיט ווארעמע

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

ליבע צו דיר" — האָט ער שטילערהייט פאַר זיך אויסגעדאַקלאַמירט און זי די געליבטע זיינע נעמט זיין קאָפּ אין אירע אָרעמס און...

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך עמיצער צו־לאַכט הינטער אים.

ער האָט זיך אומגעקוקט און איז געבליבן שטיין אַ פאַרשעמטער.

— וואָס ביסטו, אַ „פּאַרטער" צי אַן „עק־טאַר", — האָט אים אַ שוועסטער, אָנגעטאָן, אין ווייסן געפרעגט און זיך נישט אויפגעהערט צו שמיכן פון געלעכטער.

אביסל שפּעטער איז ער שוין געווען אין קעלער. בראַמבערג איז געזעסן לעבן אויוון די פּיס אַ הינטער זיך און אויסגערייניגט דאָס אַש.

דאָס בחור'ל האָט גענומען אַ גרויסן בעזים און געוואָלט פאַרקערן דאָס אַרויסגעוואָרפענע אַש פונ'ם אויוון אין אַ ווינקל.

— נעם אַוועק דעם בעזים! — האָט אים בראַמבערג באַפוילן.

— אָבער מיסטער בראַמבערג — האָט ער זיך צו'טענה'ט — מען דאַרף דאָך פאַרקערן.

— „נעווערמיינד" פאַרקערן — האָט זיך בראַמבערג אויף אַן אמת זיך צובייזערט און נעבנדיק אַ שפּיי, וואָס איז פאַרפלויגן ווייט ערגיץ אין אַ חושכ'דיקן ווינקל פונ'ם קעלער, האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס זשע, האָסט זיך קאַרג אָנגעאַרבעט מיט'ן מאָפּן?

אביסל שפּעטער איז שוין דאָס אַש געווען פאַרקערט טאַקע פון בראַמבערגן אליין און דער אויוון האָט שוין געברענט ווי נעכטן מיט אַ זשאַריקן פלאַם איבער די קוילן.

דאָס בחור'ל און בראַמבערג זיינען געזעסן אויף קעסטלאַך, גערויכערט ביליקע סיגאַרעט־לאַך און געשוויגן. דער רויך האָט זיך געקנוילט אין דער טונקלקייט און זיך אויפגעלייזט אינ'ם גרויען קאַלך פון דער סטעליע. בראַמבערג האָט אַ שפּייז געטאָן, ווי זיין שטייגער און זיך צורעדט:

— וואָס זשע, האָסט שוין נישט געקאָנט קריגען אַ בעסערן „דזשאָב", ווי אַרבעטן אַלס אַ קוילנמאַן אין אַ שפּיטאָל-קעלער, האַ? און אָנקוקנדיק דעם בחור'ל מיט אַ טיפן רחמנות אין די אויגן, האָט ער צוגעגעבן:

— איז דאָס אַ תכלית?

דאָס בחור'ל איז גערירט געוואָרן פון דער וואַרימקייט, וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן אויף אים פון בראַמבערג'ס פראַגע און אָנשטעלנדיק די שוואַרצע אויגן אויף בראַמבערג'ן, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— איך... איך בין... אַן אַקטיאָר.

— אַן אַקטיאָר?

בראַמבערג האָט אַ קוק געגעבן אויפ'ן בחורל מיט אַ מאָדנעם בליק אין וועלכן עס איז געווען אַ געמיש פון פאַרוואונדערונג און אומצוטרויען צוזאַמענגענומען.

— אַן אַקטיאָר? — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגע'חזר'ט זיין פראַגע.

פּלוצלונג האָט זיך זיין פּנים פאַרענדערט. אַ צער האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן איבער דעם, ווי אַ צוגאָסענע פליסיקייט. אַזאַ צער האָט דאָס בחורל איינמאָל געזען אין דעם פּנים פון אַ הונט, וואָס איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם שלייף פון אַ הונט-שלעגערס פּעטליע.

בראַמבערג האָט אַ שפּיי געגעבן מיט אַ דאָפּלטן אימפּעט און זיך צולאַכט:

— כע, כע... איך האָב אויך אַמאָל גע־טראַכט, אַז איך בין אַן אַקטיאָר.

— אָבער איך שפּיל דאָך טעאַטער שוין עטלאַכע יאָר — האָט דאָס בחורל אַרויס גע־שטאַמלט.

— שפּילסט שוין עטלאַכע יאָר?

— יאָ, מיט אַ וואַנדערנדיקע טרופּע, וואָס פאָרט אַרום איבער פאַרשידענע שטעט, אָבער איצט האָב איך עטלאַכע ליידיקע וואָכן בין איך אָנגעקומען אַהער כדי דערווייל האָבן וואָס צו עסן.

— כאָלעריע! — האָט בראַמבערג אַ מרוסקע געטאָן, אָבער אין דעם וואָרט כאָלעריע איז גע־ווען אַזוי פיל ליבע צום בחורל.

— שפּיל פאַר מיר עפּעס — האָט זיך בראַמ-בערג גענומען בעטן.

דאָס בחורל האָט אַ נעם געטאָן אַן אָפּגעבראָ־כענעם שטעקן פון אַ בעזים און אויסבויגנדיק זיך אין דער פּאָזע פון אַן אַכציק יאָריקן זקן

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

האָט ער אָנגעהויבן שפּילן פאַר בראָמבערגן אַ סצענע פון אַ פּיעסע אין וועלכע ער האָט גע־שפּילט לעצטן ווינטער.

דאָס פייער פונ׳ם ברענענדיקן אויוון האָט באַלויכטן די קוים זיך באַוועגנדיקע פיס פון אַ זקן, וואָס האָט זיך געקלאָגט אויף זיין עלנדקייט אויף דער עלטער און בראָמבערג׳ס פּנים האָט זיך צושטראַלט פון באַגייסטערונג.

— כאַלעריע! — האָט בראָמבערג אַ גע־שריי געטאָן און אַ כאַפּ טוענדיק דאָס בחורל אין זיינע ברייטע אָרעמס האָט ער זיך צערעוועט פון פרייד.

— כאַלעריע!

קעסל איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער עולם, וואָס איז געווען צולעגט איבער׳ן טעפּיך און איבער די סאָפּעקלאַך האָבן געקוקט אויף אים מיט טיפער פאַרערונג אויף די פּנים׳ער. דורך די פענצטער האָט שוין דער מאָרגן אָנגעהויבן אַריין צו גרויען, אָבער קיינער האָט אים נישט באַמערקט.

פּלוצלונג האָט די יונגע שיינע פרוי פונ׳ם דירעקטאָר זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און צו־גייענדיק צו קעסל׳ן האָט זי מיט שוועסטערלא־כער גוטסקייט אַ נעם געטאָן זיין קאָפּ אין אירע אָרעמס און קושניק אים צערטלאַך אויף זיין רעכטער באַק האָט זי נישט אויפגע־הערט צו פּליסטערן:

— כאַלעריע... כאַלעריע...

אַלע האָבן זיך צושמייכלט. אַפילו דער דירעקטאָר אַליין האָט אויך געשמייכעלט.

א. ניסענזאָן:

אין דערוואַרטונג

מיט דערוואַרטונג פינטלען לאָמפּן אויף די ראָגן,
אויגן פון די גאַסן, שטומע וועלט־באַטראַכטער;
שטילע איינזאַמקייט נאַכטן זיך און טאָגן
הינטער טויער, הינטער אַ פאַרמאַכטן.

ס׳וואַרטן גאַסן, פענצטער וואַרטן, ס׳וואַרטן
מענטשן,
זייגערס טיילן זיך מיט שטיקער אייביקייט;
ווער ס׳וועט וויינען, ווער ס׳וועט שעלטן, ווער
ס׳וועט בענטשן
יענעם אָנקום, יענעם אויפבליץ פון די צייטן.

אויף די טישן קלינגען גאָפּלען, זינגען מעסערס,
טירן וואַרטן אומגעדולדיק, ווילן זיך צעפּראַלן;
צוגעשלאָסן, נאָך די שליסלען בענקען שלעסער,
ס׳הויבן זיך צו באַוועגן פּעדעסטאַלן.

איינס צום צווייטן גיבן איבער סודות
טעלעגראַפן,
אויף די שרייב־מאַשינען קלאַפּן זוכנדיקע פינגער;
ימ׳ען רוימען איין צו שיפן, שיפן צו די האַפנס
קלאַנג פון אויפברויז ניט אַנטפּלעקטן, אויפבונד
פון די צינגער.

רעדער קייקלען שטיקער צייטן אָנגעשטריינגט
צום פּלאַצן
פיס מיט טראָטואַרן שפּילן ווי אויף דיל פון זאַלן;
בלויע אָדערן געצויגן ווי דאָס בלעך אויף טאַצן,
טראָגן האַסטקע געבליטן ווי די וואַסער־פאַלן.

ווי דאָס זונשיין אויף די שויבן שפּילט קאָליר
פון ראַסן
איבער גאַנצע בערג געשיכטע, אויף אַרכיוון־
שטויבן;
טראָטואַרן, שוועלן, טירן, סקווערן און טעראַסן,
שיפן רעדער, הענט און הערצער וואַרטן:
וו־אַ־ר־ט פון ג־ל־ו־י־ב־ן.

צוועלף

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

ב. י. ביאלאסטאצקי.

צווישן ביכער און קאָלעגן

די ערשטע שורה

די שטילקייט פון פארנאכט צווישן בערג.

א פארצאמטע, איינגעראמטע, איינגעהיילטע שטילקייט.

איך שפאציר מיט א. לוצקי'ן.

ער רעדט, איך כאפ אונטער און פון זיין ריידן און פון מיין אונטערכאפן קומט אזוי ארויס: —

— וואס איז א ליד פון אזוי פיל און אזוי פיל שורות? פאלשקייט, צוגעשניטענע, צוגעמאסטענע שטימונג. צייג מעסט מען מיט'ן ארשין און א ליד מיט דער שורה. עכט? ניין. ניטא קיין עכטע ליד! אויפריכטיג? וואס הייסט אויפריכטיקייט אין א ליד ווען מער ווי איין שורה איז דער פאעט ניט אויפריכטיג און ניט עכט. פארוואס? אט פארוואס:

— אט בין איך — דער שטאטיגער — אין א בין השמשות צווישן די בערג ארייננעפאלן און ס'האט זיך מיר א טראכט געטאן:

— איך וועל זיך דא אננעמען מיט א סך שטילקייט.

א שורה. וואס נאך? מער ניט! די שורה איז עכט. דאס איז אלץ וואס ס'איז מיר אנטקעגן געקומען, אלץ וואס איך האב זאגן געוואלט. דארף מען אבער א ליד אנשרייבן, אז ניט וועט דאך דאס די „צוקונפט“ ניט דרוקן, אז ניט וועט ש. ניגער קיין קריטיק ניט שרייבן... ווערט א ליד! עי, פאעט, נעם זיך צו דיין באגאזש! גראם און האלב־גראם, טאן און האלב־טאן! צונים זיך ווי א נאכטיגאל און צושריי זיך ווי א לייב! "צוברום זיך ווי א טיגער און צוואויין זיך ווי א יתום“. (פון א. מ. דילאנ'ס א ליד). גראם „שטילקייט מיט קילקייט“, „גאט מיט שטאט“ — — — פעלט א גראם? זוך, זוך, גיי נאכ'ן אלף־בית... פע, דער אלטער גראם! ווער מאדערנער: גראם: „בערג מיט שטאטישע מערק“. נאך מאדערנער: „טאלן מיט גאנדאלן“...

— נאט צו דאנקען, שוין דא א ליד! אבער אלץ וואס איך, פשוט'ער מענטש — און יעדער מענטש איז צו זיך אליין פשוט — האב געוואלט זאגן, איז דאך בלויז געווען איין־און־איינציקע שורה: „איך וועל זיך דא אננעמען מיט א סך שטילקייט“ — און אלץ וואס איך גיב דערנאך צו צו דער שורה — מאכט ניט אויס צי אין שטיל־תפילה'דיגן־טאן, צי אויף דעם וויזיאנער־ריש־בילדערישן אופן — איז צוגעטראכט, אויסגעטראכט, ליגנעריש, אומעכט. שורות בלויז, שורה'לאך, איין־אטעם — דאס אלץ, וואס מען דארף שרייבן, ארויסגעבן.

ערגאר אללען פאו איז ניט גערעכט, אז בלויז קורצע לידער זיינען לידער. ניין, יעדע ליד דארף רעדוצירט ווערן צו איין־און־איינציקער שורה, צו דער ערשטער שורה אויב מען וויל מיט אן אמת עכט זיין.

— אפט און עם באפאלט מיר א שנאה צו לידער. אין אזא מינוט ערשיינט די דערציילונג פאר מיר פיל עכטער, פיל אויפריכטיקער. מען באשרייבט דארט עפעס — א מענטשן, א טיפ, מען דערציילט, מען שילדערט, ס'איז עפעס פאראן אין דעם ממשות'דיקס, ארגאנישעס. אבער א ליד — — — — —

ס'ווערט פינצטערער אין די בערג. מיר שווייגן. איבער דער שטילקייט האבן שטילע שטערן ריידן גענומען...

איך הויב אן אפצופרעגן אונזערע פריעדיקע רייד. איך רייד און א. לוצקי כאפט אונטער, און פון מיין ריידן און פון זיין אונטערכאפן איז דערנאך אזוי ארויסגעקומען:

— א שורה אליין איז גארנישט. א שורה, א פלוצלונגער אויפלייכט אין פאעט'ס הארץ, איז אבער ווי א בליץ, וואס מאכט ליכטיק אלץ ארום, ווייטע האריזאנטן, זאכן וואס זיינען אין פינצטערניש געלעגן; א שורה איז א בליץ וואס דרינגט דורך דעם פאעט און באהעלט איינדרוקן, זכרונות, שטימונגען, זעאונגען וואס זיינען אין

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

אים פון פריער פאַרהוילן געווען, באַהאַלטן. אַ שורה איז אַזוי ווי דער גין־גאָלדענער ווינשפינגערל וואָס ווען די פאַרשאָלטענע בת־מלכה פון נור־אוריה׳ס הייל האָט דאָס אָנגעטאָן האָט זי זיך פלוצים דערמאַנט ווער זי איז, פון וואַנען זי קומט און וואו עס ליגט דער וועג וואָס וועט זי אַהיים־פירן... איין־און־איינציגע שורה איז אָפט פאַר׳ן פּאָעט ווי אַ שם־המפורש וואָס מאַכט גאַנץ צוריסענע אברים, פראַגמענטן, שטיקלאַך, שפּליטערס...

דער פּאָעט גייט אין גאַס און זעט ווי אַ קאַר האָט אַ קינד אויף טויט צודריקט. פאַרגלייזטע אויגלאַך, צוקרימטע ציינדלאַך.

מיט אַמאָל:

—טרו־טרו — — הייזער ברענען, פייערלעשער יאָגן, וואָלקנס־רויך געמישט מיט פייער צוטראָגן זיך איבער די דעכער.

איינדרוקן, שטימונגען.

אויף מאָרגען, ערשט דער פּאָעט דערזעט אויף האוסטאָן סטריט אַ ציגיינערשע חתונה. אין מיטן שטאָט דער הפקר׳דיקער, מדבר׳שער ציגיינער־ווינט. בליציקע קליידער און בליציקע אויגן.

וואָס האָט די ציגיינערשע חתונה צו טאָן מיט׳ן צודריקטן קינד? און די שרפה און די מהומה? דער פּאָעט פילט אַז פאַר אים האָט יאָ איינס מיט׳ן צווייטן צוטאָן, וואָס אָבער, ווייס ער נאָך ניט אויף קלאָר.

שטימונגען ניט אַרויסגעזאָגטע, איינדרוקן, צוטיילטע, צוברעקלטע.

נאַכט. מיט אַמאָל דערזעט דער פּאָעט אַ שטערן פאַלט פון הימל. אַ בליץ! און ווי דורך כשוף הייבט איין פריערדיקער איינדרוק זיך צורוקן צום צווייטן, איין שטימונג באַהעפט זיך אומבאַוואוסטזיניק מיט דער צווייטער, עס יורט, עס געבוירט! רחמנות, פּראָטעסט, צער פרייד — בילדער, מעטאַפאָרן, אַסאָציאַציעס; איינס צום צווייטן, ווי וואַל נאָך וואַל צו אַ ברעג יאָגן זיי; וויינט דער פּאָעט, רעדט ער צו זיך, האַלט אָפן די אויגן און — זינגט אַ ליד. אַלץ ווערט אים קלאָר, אַלץ קומט זיך צוזאַמען, אַלץ ווערט גאַנץ, פון פאַרשידענע טיילן ווערט אַ נפש געבוירן, אַ ליד — אַן אָרגאַניש באַשעפעניש! און אַלץ צוליב איין שורה, צוליב דער ערשטער, ניין, אפשר צוליב דער לעצטער שורה!

און דעריבער —

ניט נאָר מעג אַ ליד באַשטיין פון מער ווי איין שורה און דאָך זיין עכט, נאָר עס מעג באַשטיין פון גאָר אַ סך פערזן, פון זיג־זאַגישן גאַנג און איבערגאַנג, פון קלאַנג און נאָכקלאַנג, פון בילד און אָפּבילד — אַבי עס זאָל גאַנץ זיין, אַזוי ווי אַ נפש, אַזוי ווי אַ קינד מיט הענט און מיט פיס... אָפּגערעדט.

— אפשר טאַקע אַזוי — שמייכעלט לוצקי

— גוט, מעג מען שוין ווייטער לידער שרייבן...

דאָן־קיכאָט

פון דאָן־קיכאָט׳ס אַ בריוו צו זיין דולצינעא׳ן:

— ער וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן שפּיץ פון אָפּוועזנהייט דורכגעלעכערט מיט׳ן בויגן פון ליבע".

אָט אַזוי לאַכט סערוואַנטעס אויס דעם מליצה׳דיקן, אָנגעבלאָזן ריטערלאַכן לשון פון 16טן יאָרהונדערט. די צעגאָסנקייט פון די סענטימענטאַלע ראָמאַנען וואָס האָבן דאַן געגילט.

אַזוי לאַכט אויך שפּעטער דאָסטאָיעווסקי אָפּ (אין זיינע „אָרימע מענטשן") פון דעם סענטימענטאַלן טשינאָווניק וואָס טראָגט זיך אַרום מיט „דער מנורה פון ליבע".

און —

באַ אונז האָט מען נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק אין נאָמען פון „אין־זיך", אין נאָמען פון — פאַרטיפונג, אין נאָמען פון טריישאַפט צום פּאָעטישן „איך" אַזוי געזונגען:

— פון מיר רייסן זיך ביינקענדיקע טויבן. (נ. ב. מינקאָוו).

אָדער:

דער „טייטלבוים פון וואוילזיין" (י. גלאַטשטיין)

אָדער:

"דער גרויער שלאַנגן־קאָפּ פון מיין לאַנגווייל" (א. לעיעלעס)

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

אַנדער:

„אויף די שטאַנגען פון דיין געזאַנג" (ווידער י. גלאַטשטיין).

און אָט אַ מוסטער פון דעם זעלבן סאָרט בילדלאַכקייט פון איינעם וואָס וויל זיך דווקא איבערנעמען מיט אַזוי־גערופענער פּשוטקייט:

„הינטער דער אַבסטראַקטער גלעזערנער וואַנט פון פאַרגאַנגענעם" (י. י. סיגאַל — אין זיין לעצטן בוך).

איך פרעג:

מיט וואָס איז דאָס בעסער פון דעם טשינאָווניק'ס „מנורה פון ליבע", אָדער פון דאָן־קיכאָט'ס „בויגן פון ליבע און זיין שפּיז פון אָפּוועזנהייט"?...

*　*　*

סערוואַנטעס'עס פויער סאַנטשאַ פּאַנטשאַ פאַרשטייט ניט צו וואָס זיין „האַר" האָט די דאָרף-שיקסע דווקא אָנגערופן מיט'ן בלישטשענדיקן נאָמען „דולצינעאַ".

— וואָס דאַרף מען לעבעדיקע מענטשן אָנרופן מיט אַזעלכע פרעמדע, פאַלשע נעמען? — פרעגט ער.

דאָן־קיכאָט צושרייט זיך: — צי ווייס ער ניט פון יענע ריטער וואָס האָבן געזונגען אָדעס און בעשריבן בריוו צו אַלידאַס, צו אַמאַרילים, פילים, דיאַננאַ, אַלידאַ, גאַלאַטשע, סילוויאַ —

קראַצט זיך סאַנטשאַ דעם קאָפּ און רעדט האַלב פאַר זיך:

— וואָס, האַר מיינער, דו מיינסט, הפּנים, אַז דאָס זיינען טאַקע געווען לעבעדיקע כלות? זאָל מיר גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד! מיין האַר, אַזוינע האָבן נאַרניט עקזיסטירט, נאָר זיי זיינען נויטיק געווען פאַר די פּאָעטישע בריוו־לאַך...

האָב איך זיך דערמאָנט אָן אונזערע אייגענע קאַראַהילדס, יואַלאַס (פון לייעלעס' „יונגהאַרבסט") און אָן די „פּלאַמטאַלינס" און אָן ענלאַכע אַנדערע משונה'דיקע וועזענס און כלות וואָס ריטערישע קאָלעגן מיינע האָבן מיט גרויס פּאַראַד אַריינגעפירט אין "היכל פון דער אידישער ליטעראַטור"...

ליבער ז. וויינפּער, האָסטו צומאָל אַליין ניט אונטערגעזינדיקט מיט דער „פּרינצעסין רורו?"

*　*　*

אין אַז איך האָלט שוין סערוואַנטעס'עס בוך אין האַנט:

דער ריטער דאָן־קיכאָט נעמט אויף זיך אַלערליי פּייניגונגען צו ווייזן זיין געטריישאַפט און איבערגעבנקייט פאַר דולצינעאַ'ן. ער איז גרייט מיט'ן קאָפּ זיך צו האַקן אָן שפּיציגע פעלזן. זיין געטרייער באַגלייטער און באַדינער, סאַנטשאַ וויל אים פון דעם אָפּהאַלטן און ער זאָגט אים, ווי זיין שטייגער איז, האַלבצוגעבנדיק און האַלב צוריקנעמענדיק:

— איך מיין, ווי באַלד אייער האָהייט האַלט אַז קלאַפּן זיך קאָפּ אָן שטיין־וואַנט איז גוואַלדיק נויטיק, און אַז די הייליקע אַרבעט (עקסטאַז צו באַווייזן טרייהייט) קאָן ניט געטאָן ווערן אָן קאָפּ־קלאַפּן, דאַן קאָנט איר דאָך זיך צופרידנשטעלן — ווי באַלד אַז דאָס איז דאָך בלויז „פיקשען", אויסגעטראַכט, — מיט'ן קלאַפּן זיך אָן וואַטע...

נענוג.

זעה, אַפּאַטאָשו'ס אַרטיקל אין דעם פאַר־אַיאָרעדיקן זאַמלבוך פון „צייט צו צייט" וואו ער מאַכט אַ מינע פון אַ קדוש וואָס פּייניקט זיך אין אַ הייל 40 טעג און 40 נעכט אין געראנגל מיט'ן "אין־סוף" און ער דערקלערט אַז פון גרויס עקסטאַז קלאַפּט ער זיך — דער קינסטלער — קאָפּ אָן וואַנט...

איך האָב לעזנדיק דאָן-קיכאָט זיך איצט דערמאָנט אָן דעם ווי אָן אַ באַוויז ווי פּאָזע גרעניצט זיך מיט דאָן־קיכאָטישער ריטערלאַכקייט און ווי אַ מענטש דאַרף זיין געהיט מיט'ן וואָרט ווען ער האַלט אַ פּען אין האַנט.

און בכלל —

הויכע ווערטער זיינען אַזוי ווי חסיד'ישע זופּיצעס. ווען מען זיי פּאַסן און אויף ווען מען וויידער זיי הייגנען ווי לאַנגע כאַלאַטן, ווי שלאָפּרעק...

*　*　*

ביים קאַפּע־טיש. דער געשפּרעך דרייט זיך אַרום דיכטער וואָס זיינען פּראָדוקטיוו און דיכטער וואָס זיינען ניט אַזוי פּראָדוקטיוו.

זאָגט א. אַלמי:

— פאַראַן אַ פּראָדוקטיווער פּאָעט וואָס קאָן

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

צווישן טאג און נאכט אנשרייבן א וואסערע פופצען־צוואנציק לידער. אט, דאכט זיך ליגט לעבן אים א העפט מיט ליידיק פאפיר און באלד איז שוין אלץ פארשריבן. ער דערמאנט מיר אן דעם קונצענמאכער וואס איך האב געזען אין קוני־איילענד. אויף א קאסטען פאר א גרויסן עולם ווייזט ער א קונץ: ער האלט א ליידיק פאפיר, ליידיק אויף ביידע זייטן. נאר דא גיט ער עס א דריי אהין־און־אהער — און דאס פאפירל ווערט פלוצלונג באדעקט מיט געשריבענע שורות. דער גאסן־עולם לעזט און שטוינט פון דעם שווארץ־קינסטלער: — אוי א קונץ!

י. ראלניק ווארפט אריין א באמערקונג:

— דער פארגלייך קאן ווייטער אזוי געצויגן ווערן: איבערגעלעזן און —
דאס פאפירל איז ווידער ריין...

וויג־לידער און אנדערע לידער

קאלעגן —

לאמיר זיך אננעמען מיט מוט און ארויסווארפן פון אונזער פאעטישן קלומיק ראמאנטישע, שיינע אבער אלטע, אפגעניצטע זאכן.

ווערט דערציילט ערגעץ אין א פאלקס־שפאס ווי דער זינדיקער מת האט ליגנדיק און ציטערנדיק פאר'ן מלאך־דומה זיך געוואלט אנכאפן בא דער בארד און שווערן בא בארד און פאות אז ער האט אויך מצוות געטאן, אבער — ער האט גאר פארגעסן אז ער איז א געגאלטער און האט ניט קיין בארד...

אבער מאני לייב, אים צו לאנגע יאר, וואס איז מסתמא אויך אין דער זעלבער לאגע פון דעם זינדיקן קימערט זיך ניט איבער דעם און ער זאגט אין „פארווערטס“!

— פארנעם איך עס אפט אזוי קלאר
און נאענט ווי פון בארד מיינע האר

כ'וויס, א פאעט איז ניט קיין מת און ער קאן זאגן זאכן „אין דער וועלט אריין“, ער קאן זען און פילן אומרעאלע זאכן ווי זיי וואלטן טאקע זיין אין דער אמת'ן. אבער דאס איז אלץ גערעדט געווארן וועגן זאכן אין דער דיסטאנץ, ווייטער פון זיך. קיין פאעט, ווי וויזיאנעריש ער זאל ניט זיין, קאן אבער ניט זינגען פון זיך אז ער קוקט מיט דריי אויגן. (פון עפעס א ווייטן ר י ז יא — אבער פון זיך ניט!...)

בערד! מלכות'דיקע בערד, זיידע־בערד — דער "בארד־מאטיוו" איז אוועק; יא, אוועק צוזאמען מיט איינהארן'ס לעצטן „בעל־תפילה“...

און אין אלגעמיין:

די דארפישקייט גליטשט זיך אלץ מער און מער ארויס פון אונזער ליד.

דער צעפ־מאטיוו (צעפ שלייערן; צעפ־נעצן, צעפ מכשפה'דיקע) איז אויך פלוצלינג נישט געווארן, כאטש דערזעלבער מאני לייב זינגט נאך:

— טו אן א ווייסע קלייד
און לאז פאנאנדער דיינע צעפ.

און אט אזוי איז שוין היינט צו טאג אויך שווערלאך צו שרייבן וועגן איר ווי זי שוועבט מיט דער לייכטקייט פון א פרינצעסין (סיידן דאס איז דוד איגנאטאוו'ס "פרינצעסין שבת"...)

ניטא מער כמעט שוין קיין פרינצעסינס. איינהארנ'ס „בת־מלכה מיט'ן פאסטוך“ זיינען אוועק צוזאמען מיט זיין פריער־דערמאנטן בעל־תפילה...

און דאס סענטימענטאל בילד " א פאלאץ אין דער נאכט“ — די אמאליקע פארשטעלונג פון דארפישער פריצישקייט און קעניגלאכקייט — פאסט זיך אויך ניט פאר דעם שטאטישן, סופערמאדערנעם — יא, יא— . לעיעלעס'ן.

גיי שרייב פון ווייטע, פארהוילענע פאלאצן, אז פאלאצן שטייען גאר היינט אין פלעטבוש...

און די ריטערישע פארהערליכונג פון פערד איז, דאכט זיך, שוין אויך געפאלן צוזאמען מיט'ן לעצטן דארף־זינגער סערגעי יעסענין... אונזער ליבער מאני לייב מעג זיך שוין דאריבער פארגינען צו פארן אין אן אויטאמאביל און ניט רייטן צו דער שקיעה אויף א בלויען פערד (ווי ער איז ניט לאנג צוריק געריטן אין דער „צוקונפט“...) אויך זישע לאנדוי מעג שוין אויפהערען „רייטנדיק צו באגלייטן זיינע טעג“ אויב ער זיצט נאך אין זאטל...

און אזוי, ליבער חבר, נפתלי גראס, מענסטו שוין אויך אוועקשיקן צוריק אין שלאס אריין

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

דעם „ווייסן רייטער" דיינעם... וואָס דאַרפסטו מער, מיר דאַכט, אַז אַפילו משיח'ס „ווייסער פערד" האָט שוין אויך פאַרלאָרן די פּאָדקאָוועס...

איך מיין, אַז אַפילו „וויג־לידער" (ניט קינ־דער־לידער, נאָר טאַקע וויג־לידער, איילע־ליו־ליו־מאָטי־רן). וועלן מוזן אַרויס פון דער פּאָעטיישער מאָדע – די וויג מיט דער שטריק, מיט'ן באָלקן — ניטאָ!

אַ, וויפיל צאַרטקייט, וויפיל נשמה־ווייכקייט, וויפיל נעבלהאַפטע, זיסע בייגקשאַפטן, וויפיל ראָמאַנטישער חן עס גייט דאָס פאַרלוירן פאַר אונזערע אויגן! אָבער מען קען זיך ניט העלפן — תם ונשלם! (אגב, אַן עצה טובה: זאָל מען די האַרציקע אָבער פּראָווינציעלע ראָמאַנטיק ניט פאַרבײַטן מיט'ן נאָמען עסטעטיק...)

מאָטיוון ווערן אויסגעוואָרצלט ווי געניזוק־טע ביימער.

ווען איך בין געגאַנגען צו יצחק אייזיק הור־וויטש'ס לויה און געזען ווי מען האָט זיין גוף פאַרברענט — ווי ער האָט פאַר'ן טויט אָנגע־זאָגט — האָב איך געטראַכט: אויס קבר, אויס מצבה, אויס מיט דער באַהעפטונג, מיט דער „מאַמע־ערד", אויס מיט'ן ביבלישן מאָטיוו פון אומקערן זיך צוריק צו דער ערד!

די גאַנצע מצבה־בית־עולם, שדים און געשפּענ־סטער־וועלט האָט זיך פאַר מיינע אויגן גענומען וואַקלען, וואַקלען און פאַרשווינדן!

פון נאָענט־סענטימענטאַלע מאָטיוון ביז ווייט אילוזאָרישע, טראַגישע. ס'בייטן זיך צייטן און פאַרשווינדן. וואונדערלאַכע אַמאָליגע וועלט־אילוזיעס פאַרשווינדן אויך. ראָמאַנטישע נעצן צע־פאַלן זיך. מיר גייען אַלץ מער און מער אַריין אין אַ צייט אָן חלומות, אָן „אין־הונדערט־יאָר־אַרום פאַנטאַזיעס", אָן אַ יענער־וועלט, אָן אילוזיעס און —

גאָט זאָל זיך אויף אונז דערבאַרימען!

דזשאָן קיעטס. (1821—1796) אידיש דר. אַ. אייסען.

הערבסט

.1

דו צייט פון נעבל און פון פרוכטבאַרקייט,
דו נאָהנטע פריינדין פון דער רייפער זון;
דעם ווײַנשטאָק בענטשן מיט געראָטנקייט
דו ביזט מיט איר פאַראייניקט און פאַרטון;
דער בוים באַם שטוב מיט עפּל־לאַסט זיך נויגט,
מיט רייפקייט זיינען פרוכט באַלאָדן שווער;
די קירבע שוועלט, און יעדער נוס זיך פילט
מיט זיסער זאַפט; און ס'בליען מער און מער
די שפּעטע בלומען, וואו די בין זיך וויגט
און דיינקט, אַז אייביק וועט זי זיין באַגליקט,
ווייל זומער האָט די צעלן איבערפילט.

.2

ווער האָט ניט אָפט דיך אין דיין פּראַכט געזען? —
זוכט איינער דרויסן און ער דיך געפינט
גאַנץ נאַכלעסיק באַם שוועל פון שפּייכלער שטיין,
די האָר צעוואָרפן פון דעם פרייען ווינט;
צי אויף דעם אויפגעשניט'נעם אַקער־רייך
אין מאָן־דופט שלאָפסטו אין געשמאַקער רו,
דאַן ווען דיין סערפּ האַלט זיך פון שניט צוריק.
גייסט אום אָפט ווי אַ תבואה־זאַמלער גלייך,
מיט אַ באַלאָדן קאָפּ, באַם טייך דאָרט וואו,
צי באַ דעם קעלטער מיט געדולד אין בליק
דו היטסט די לעצטע טראָפּנס שעה נאָך שעה.

.3

וואו איז דאָס ליד פון פרילינג, זאָג מיר, זאָג?
ניט טראַכט פון דעם! געזאַנג, דו האָסט עס אויך, —
ווען דורך די וואָלקן שטיל פאַרבליט דער טאָג,
און ס'ווערט דאָס פעלד באַפאַרבט מיט ראָזן־רויך;
דאַן זשומען קליינע מוקן מיט אַמאָל
אין צווישן ווערבעס מיט דעם ווינט צוגלייך,
דער כאָר לעבט־אויף און פאַלט מיט אים גענוי,
און לעמער מעקען הויך אויף זייער קול;
עס זינגט די גריל; און באַלד אין טענער רייך
צעפלייטעט זיך אַ פויגל רואיק, גלייך;
און שוואַלבן צוויטשערן אין הויכן בלוי.

יעקב גלאַטשטיין

צו דער יאַהרע פון אונזער אָסקאַר ווײידל

אין דעם שרייאיקן באָרדעל־אַרטיקן בוך, וואָס נח דער פּלייסיקער פּאַזש האָט צוזאַמנגעשטעלט מיט זיינע לעצטע יעוונוכישע כחות, צווישן די זאָגעכצער און כאָכמעוואַניעס און קלוגשאַפּטן אין לשער, געפינען זיך צענדליקער בילדער פון דעם אויבער־חכם אליין, וואָס האָט אין פאַרלויף פון איבער צוואַנציק יאָר געלאָזט טריפן אויף אונז זיינע פאַררונדלטע ווייזהייטן וועגן וועלט — מענטש — גאָט — זעל — פרוי — זאָקנבענדלאָך און גומענע קראַגנס.

איין בילד אָבער מער פון אַלע פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. יצחק רייז — מיט א יאָר 18 צוריק. דער מענטש וואָס האָט געשריבן פּאַליסים און זיך געלאָזט אַנאָנסירן: „יצחק רייז וויל אייער לעבן —

פאַרזיכערן.

די ערשטע טריט פון דעם חכם, וואָס האָט געכאַפּט א וויץ. אַן אומשולדיקע שורה ווערט צובראָכן אויף צוויי טיילן. איין טייל, די גרעסערע, פאַרבלייבט מיט אַן אויסגעשריי — יצחק רייז וויל אייער לעבן. איבערראַשונג! שרעק! אויסרוף־צייכנס מצד די אומשולדיקע אַנאָנסןלעזער.

קומט די אָפּגעבראָכענע טייל פון דער שורה אויף דער צווייטער זייט און גיט דערלייכטערונג, נחת, טרייסט. אייער לעבן פאַרזיכערן — דאַט'ס אָל! כאָ! כאָ! כאָ! אבי מיר האָבן געמיינט ער וויל אונזער לעבן! ער וויל, הייסט עס, אונזער לעבן פאַרזיכערן, האָט ער, הייסט עס, דער ממזר בלויז געוואָלט אביסל אָנשרעקן מיט א צובראָכענער שורה? קלוג! געשייט! כיטרע! געממזר'ט! בראַוויסימאָ!

דאָס זעלבע בילד. ס'פּנים א פּלאַטשיקס, א פּלײשיקס, א געוויינלאכס. א פּנים וואָס קאָן אוועקלאָזן א ביליק חכמהלע אויף שטאָלצן צווישן היימישע אינשורענס־אַגענטן.

קוקן מיר זיך צו גוט צום בילד און מיר זאָגן, אז א מענטש מיט אזא פּנים איז זיכער נידעריקער פון מיטלוואוקס. א מענטש וואָס טאָמער פּאַלט ער אריין צווישן א מענגע, קענען אים אפילו קיין צען חכמים ניט ארויסציען. א קאָפּ מיט האָר, וואָס דאַרף היינט־מאָרגן אויסקריכן כדי לייכטער צו מאַכן דעם שווערן יאָך פון א שטרוי־הוט.

אזוי איז ער געווען, יצחק רייז מיט א יאָר 18 צוריק, ווען ער האָט ענטדעקט די ערשטע חכמה.

צווישן די פינגער האָט ער געהאַלטן א שטיקל ברויט און די גאַנצע צייט עס געקנאָטן אין א קליין ברודיק טייגל. אויסגעלענגערט, געמאַכט עס קורצער, דיק און קיילכדיק, לאַנג, אָט־אָט צום איבעררייסן, ווייך און האַרט.

א קרישקע ברויט — א סימבאָל. דאָס לעבן, משטיינס געזאָגט, וואָס מען קאָן דערפון מאַכן וואָס מען וויל נאָר אַליין, אויב מען וויל נאָר. „ווילנאָר"וועסטו ווערן דער ווילנער גאון! ווילנאָר! ווילנאָר! ווילנאָר!

ער האָט געוואָלט און זיך אוועקגעזעצט מאַסאַזשירן קודם כל דעם קאָפּ האָר כדי זיי זאָלן ניט ארויספאַלן. האָר זענען זייער וויכטיק פאַר ערפאָלג. בלויז שעקספּיר האָט געקאָנט מאַכן ערפאָלג מיט א פּליך. עפּעס קלענערע פון שעקספּיר מוזן אָפּהיטן זייערע האָר.

און ער האָט זיך גענומען אויסציען אין דער הויך , וואַקסן פּשוט ווי אויף הייוון (ווילנאָר! ווילנאָר!) מען קאָן ווערן העכער, העכער, נאָך העכער! ער איז שוין הויך.

פאַר די האָר האָט ער באַשטעלט א פרעסטל אזעלכעס ,וואָס זאָל איבערציען די יונגטלאַכקייט מיט א ביסל גראָ. די פּלייצעס האָט ער געמאַכט ברייטער, נאָך ברייטער כדי צו קאָנען טראָגן א פּעלירינע און די נאָז לענגער פאַר פּענסנע מיט א לאַנג שוואַרץ בענדל.

עס איז געווען א געניאַלער מאַסקאַראַד. גענומען פּשוט גאָטס א געוויינלאַכע אלטעגלאַכע צורה און גאָטס א גופל און עס איבערגעקנאָטן

ווי א טייגל מיט דעם כח פון „ווילנאַר“. עס האָט פאַרשטייט זיך, גענומען יאָרן פון שווערער אַר־בעט, אָבער גאָטס צורה איז גרימירט. א טע־אטער־שטיק פון איינענעם לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן אומענדלאַך, טעג און נעכט, וואָכן און יאָרן.

און אז ער האָט א קוק געגעבן אין שפּיגל און געזען אז עס איז גוט, האָט ער א געשריי גע־טאָן — זאָל זיין...

וואָס זאָל זיין?? זאָל זיין אוים יצחק רייז. פּאַשאָל וואָן! גערעדיהיר! מען דאַרף דיך איצט אויף א כפּרה. איצט מוז מען ווערן עפּעס אַנדערש. אָבער וואָס ווערן, איז געקומען א ביסל שפּעטער.

דאָס זעלבע סימבאָלישע שטיקל ברויט־טייגל א פאַרברודיקטס ליגט נאָך אַלץ צווישן די פינגער, ער באַטראַכט עס און באַטאַפּט עס פון אַלע זייטן.

דאָס לעבן! אונזערע יאָרן פליען, לויפן ציען זיך, און ער האָט זיך דערמאָנט: יצחק רייז וויל אייער לעבן —

פאַרזיכערן.

און עס איז אים פּלוצים קלאָר געוואָרן. א וואָרט איז געגליכן צו א טייגל. מען קאָן עס נעמען צווישן די פינגער, עס אויס־ציען, מאַכן לעכערלאַך, צוריקציען, איינשרומפּן, מאַכן פּעט. און א זאַץ א גאַנצער קאָן אויך ווערן געקנאָטן און געקנייטשט ווי מען וויל אין א געדאַנק קאָן דען ניט ווערן צעשטויסן אין א מערזשער, די ברעקלאַך אויפגעקליבן, אויפגע־זאַמלט אָן א פריער אָדער שפּעטער כדי צו אי־בערראַשן אָדער א קיצל צו טאָן אונטער דער פּאַכווע?

ער האָט אויסגעלייזערעליעט א „פּעטען“ און פּלייסיק שטודירט. טייגל — וואָרט — זאַץ — געדאַנק, צעפּלעטשן, צעשטויסן, אונטער־שטרייכן, אויסציען, איינשרומפּן, קיצלען אונ־טער דער פּאַכווע.

און אז ער האָט דאָס אויסשטודירט האָט ער ערשט דערזען, אז די גוים ימח שמם האָבען שוין לאַנג אַזעלכע לצים, אָבער ער האָט געמאַכט א שוויינג און ווי אַן אַלכעמיקער איז ער אַלץ גע־זעסן באַ זיך אין דער לאַבאָראַטאָריע און גע־ארבעט. (ווילנאַר! וועסטו ווערן און א. ז. וו.)

דורך דער צייט האָבן זיך באַ אים אויפ׳ן טיש אָנגעקליבן א סך ביכער. ניט געליינט זיי, נאָר באַלעקט, ניט געלערנט, נאָר א זופּ געטאָן פון דאָ און דאָרט און אין א גרויסן כשוף־טאָפּ אַלץ געלאָזט אויפקאָכן מיט די אייגענע קריי־טעכצער פון וואָרט־זאַץ־געדאַנק־קאָזשעלקעס.

אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, קיינער טאָר ניט וויסן, מען מוז דאָס אַלץ אויפקאָכן, עס וועט אַמאָל צוניץ קומען. און אויפ׳ן טיש טאַנצן עט־לאַכע אומשולדיקע ווערטער, זאַפּטיקע אידישע ווערטער פון א שיינער יונגער שפּראַך, פאַר־שעמטע מיידלשע ווערטער, וואָס בעטן זיך אז מען זאָל זיי נאָך לאָזן וואַקסן. בוגרות׳לאַך, וואָס רויטלען זיך: טשעפּעט ניט, ווייל מיר צופלאַ־קערן זיך און טאָמער רירט איר זיך ניט איידל צו צו אונז וועלן מיר אפשר אינגאַנצן אונטער־גיין, פאַרגרעבט ווערן און ווערן אומווירדיק.

נעמט ער אַזוי פונדעסטוועגן און גיט א שנעל א וואָרט איבער דער נאָז, נעמט דאָס וואָרט און פאַלט אום און קאָרטשעט זיך אין דרייען. פאַר־צייכנט ער קאַלטבלוטיק:

אז מען גיט א שנעל א וואָרט איבער דער נאָז פאַלט עס אום און קאָרטשעט זיך אין דרייען.

און מיט דעם גראָבן פינגער גיט ער אַזוי א טאַפּ אָן א שעמעוודיג וואָרט וואו מען באַ־דאַרף ניט, ווערט דאָס וואָרט גראָב און אויפגע־בלאָזן, וואולגאַר און שרייעריש און פאַרלירט די גאַנצע ציכטיקייט.

פאַרשרייבט ער מיט מערדערישער גלייכ־גילט:

— אז מען גיט א טאַפּ א וואָרט און אז. וו. עס וועט צוניץ קומען!

און דורך דער גאַנצער צייט וואַקסט אַרום אים א שפּינוועבס פון לאַנגווייל.

אומעטיק און לאַנגווייליק. די גאַנצע ארבעט פאַרשווענדעט אויף איבערצומאַכן זיך פון דרויסן און פון אינווייניק איז דערווייל אויסגע־רונען דאָס ביסל וואָס מען האָט פאַרמאָגט. זאָל מען הייסט עס, פון דעם זעלבן אומעט און לאַנג־ווייל שפּינען פילאָזאָפעריען. אומעטיק און לאַנגווייליק, לאַנגווייליק און אומעטיק.

ניינצן

לאנג—ווייליק! או—מע—טיק!

יא, מען וועט דאס אזוי איבערניצעווען און פארמארקן, פארקויפן פאר געדאנקעלאך, אונטערשטעלן א ווארט א פיסל, א שנעל טאן אין נאז און זיך אזוי מעשה דענקער א זאג טאן: לאנגווייליק! אדער: אומעטיק! אדער פארקערט, כדי צו בייטן די דעקאראציעס.

און אין פינצטערן חדר זענען אלע גלויבנס פארפרוירן געווארן, אפגעשטארבן. אין וועמען גלויבן? אין מענטשן? כא! כא! מענטשן זענען... (א ווארף א ווארט אין דער לופטן, אז עס דערלעבט נעבאך ניט ארונטערצוקומען) אין גאט? גאט איז... (א קלאפ א ווארט אין קאפ אריין און אליין זיך פארנייגט מיט דעם אנשטעל פון א גרויסן בויך־רעדנער), אין פרויען אפשר גלויבן? ווער ווייסט עס ניט? כי כי! — פרויען זענען... (א קיצל ווארט אין באהאלטענע ערטער און דאס ווארט רעוועט: פרויען, וויסן זי... און א וואונק ארונטער).

אז ער איז ארויס פון טונקעלן חדר האט ער שוין געהאט אנגעקליבן א מאסע ווייזהייטן און ער האט א קוק געטאן פון אקסעל און העכער אויף דעם פאלק, וואס פויזעט ארום אים און אז זיין אריסטאקראטיש הארץ האט דערפילט די גרויסע נויט פון דעם פאלק נאך א קלוג ווארט, האט ער אויף א „ראפינירטער" טעאטער־שפראך א טראכט געטאן וועגן בידנעם גולם משה'ן און ס'הארץ איז בא אים ווייך געווארן ווי פוטער. און אז ס'הארץ איז בא אים ווייך געווארן האט ער א ווארף געטאן זיין גאנצן באגאזש אין פאלק אריין און א געשריי געטאן:

משה, נאדיר!

און אן עסטעטישער פעדער־נאמען איז אויפ'ן ארט גלייך געשאפן געווארן פון גרויס ליבע צום הארעפאשנעם פאלק.

און דא איז געווארן א כאפעניש, א רייסעניש און א שנארעניש אויף בייז־וואונדער. די כאפער, די רייסער און די שנארער האבן זיך באקראנצט מיט די ווערטער פון ווילדן ווערטער־וואלד און האבן זיך באלעקט און פאסמאקעוועט מיט די פאטראוועס, וואס זענען אויסגעקאכט געווארן אין די פינצטערסטע פינצטערנישן פון אומעט און לאנגווייל, לאנגווייל און אומעט און פון „געלערנטע" ווערטער, וואס שפרינגען ווי געלערנטע פליי און שטעלן זיך אויף די הינטערשטע לאפקעס, ווען מען גיט א געשריי: דינען!

די חברה וואס האבן אויף דער גאס צעטרענצלט זיין עשירות און געכאפט שריים האבן זיך גלייך געקרוינט אלס משה נאדיריאנער און אויסגעטאן האבן זיי זיך ביז די אונטערוועש און געטאנצט א נאדיר־טשארלסטאן, וואס איז א מין קאדריל ארום דער אייגענער פרעכהייט, א שווייסיק ריקודל פון עקזיביציע — הענגענדיקע גלידער פאר דער גארער וועלט. דער רבי אלימלך האט געהייסן משה־נאדיריש זיין און די טרייעסטע אונטערטאנען, די חסידים, האבן געפאלגט. דער זעלבסטנאר האט אים גענומען אונטערזאגן, אז דער דור, וואס ער האט אליין אנגעפלאדיעט האט אים ארויסגעגעבן. אייראפע האט ארויסגעגעבן שלום עליכמ'ן און א־מ־ע־ר־י־ק־א נאדירן. דער תמ'עוואטער טאטע האט זיך גענומען איינרעדן, אז זיינע אייגענע ממזרימלאך זענען זיינע עלטערן און אורעלטערן. דער דור וואס איז ערשט אקארשט ארויס פון זיין אייגענער נאדל, זאל אים האבן געבוירן.

משה־יצחק האט זיך טשאפליניש פארנייגט צו זיין דור און גענומען שטעלן טריט. ער איז אוועק אין די ביבליאטעקן בלעטערן פארטרעטן פון וועלט־שרייבער נאך וועמען זיך צו מוסטערן.

געקוקט און געבלעטערט און זיך אפגעשטעלט אויף דעם חכמה־זאגער אסקאר ווילד. א דראמעלע, א פאראדאקסעלע, א וויצעלע, א לידעלע. מיין ברודער אין גייסט ווי צוויי טראפן וואסער. אזוי איז ער געשטאנען אין דעם „דע־פראפונדיס" און זיך באגריסט מיט דעם פארפרענקהעריסטן ווילדן. ווילד דער שפיצלער האט אים אבער אפגעטאן א חוזק־ארבעט און אים דערלאנגט זיין צעריסענע פעלערינע. טו עס אן, אידישער ברודער מיינער, און זאלן דיר די לאטעס וואויל באקומען.

ווילד'ס נאמען — לויזע ווערטער — טאנצן שוין לאנג ארום אויף דעם עולם התהו פון דעם וואס שטערבלאכע רופן די וועלט פון אומשטערבלאכקייט, און ווער ער זאל זיך ניט צירן מיט זיין גייסטיקער ירושה מוז ווערן צו

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from
UNIVERSITY OF MICHIGAN

נאָר. די לויזע ווערטער פון ווײַלד'ס צווייפלהאפטן נאָמען קענען זיך מער ניט האלטן צוזאמען. בא מ׳שה־יצחק׳ן האָבן זיי זיך אויך צוטאנצט. ווײַלד האָט זיך אויפגעלייזט און געוואָרן אָסקאַר ווײַדל.

א קורצזיכטיגער און א צופרידענער איז ער אוועק און גענומען מאָדעלירן זיין לעבן נאָך אָסקאַר ווײַדל. אָט אזוי מיט דעם שלעפּ פון דער פעלערינע קערן מענשן, נאָכשלעפּן נאָך דעם זוים פון אַלטע חכמות הונדערטער פארערער, ווייבער, צווייפלהאפטע מיידלאך, און זיין דער אָפּגאָט פון דער אידישער וועלט. (ווילנאָר! ווּעסטו ווערן).

צוגעגעבן! ער איז עס געוואָרן!

און עס איז אוועק. ער האָט געקראָגן כבוד פולע עמערס, ווי קיינער אפשר פאר אים, ווי קיינער נאָך אים.

אומעט און לאַנגווייל געבערן א סיאמער צווילינג, א פּערזענישׂ אזעלכס פון לאַקריץ־סענטימענטאליטעט און גראָבע רייד. ניט חלילה קיין פּאָרנאָגראפיע. נאָר מליצה וועגן פּאָרנאָגראפיע, „ווילדע רויזן". און די פרייע פערז דיכטער האָבן געוויזן דעם וועג. איצט קאָן מען נעמען א סענטימענטאַלעכץ וועגן „עס בענקט אהיים" און עס אוישטעלן ניט אין פרייען פערז (דאָס דאַרף מען קענען!) נאָר אין זינגעוודיקער עברי און שרייבן לידער אזעלכע, און כאַפּן פּראָבלעמען אָנזאלצנדיק זיי אויפ'ן עק מיט עטלאכע ווערטער. קאָמוניזם — זייער לייכט! ברויט מיט פּוטער. ציוניזם דהאטס איזי! קעלבלאָך און לעמער אויפ'ן מזבח. עצעטרא! עצעטערא!

סענטימענטאַלישקייט וואָס דערגייט ביז פּיעסטשען זיך מיט די אייגענע בלאַסע פּיס, און געפּודערטע נעגל, טיש־מאַניערן, בעט־מאַנירן. משה וויל לייענען פון זיין אויסדערוויילטן זון אזעלכע זאכן, איז — משה, נאדיר.

מחשבותן, ערשט לעצטנס זיך געכאפּט, אז מען דאַרף אָט די איבערגעשטאנענע געדאנקען פארצוקערן און פארזויערן טאָג־טעגליך אין קאָלוּם ארבעט. זאָל דאָס ליבע פּאָלק אָפּנעמען א גרוס יעדן טאָג פון דעם געדאנקען־פּאַגאנט און דעם רייכןקאָפּ פון די בלאַסע פּיס, וואָס ווערן געפּודערט און נעגל וואָס ווערן מאַניקירט.

זאָלן די קאָמוניסטן לייענען א זמר'ל וועגן לענין, א זידלעריי וועגן אייב קאהאנען און א שפּיי אויף גאַ־דעמיט הו עווער וויל געט איט.

אזוי האָבן מיר דערלאנגט דעם קאפּיטאַליסט מיט עטלאכע ווערטער־קאזשעלקעס אין דער פּאָטילניצע. גאַנץ וואָל סטריט האָט א ציטער געטאָן ווען מיר האָבן געזאָגט „ביגביז". (א געשייטער קבו, יונאו, פון ביג ביזנעס).

און נאָך צוואנציק יאָר פון שאפן איז פארבליבן א גרויסע וועלט פּילאָזאָפיע — פּניעכעס! אַלץ איז פּניעכעס. ערשט מיט א האלב יאָר צוריק האָט ער טאקע פעסטגעשטעלט, אז ער איז דער פּאָטער פון פּניעכעס.

אומעט, לאַנגווייל, פּוסטקייט, פּניעכעס! אַלץ איז פּניעכעס, האָט געזאָגט משה נאדיר.

און מיט דעם דאָזיקן באַגאַזש האָט מען זיך אוועקגעלאָזט איבער דער וועלט.

קיינער איז ניטאָ א חוץ משה נאדיר (פּאַרדאָן, און יאָסל קאָטלער און פראַדל שטאָק), אַלע זענען קליין שרייבער, גראַפאָמאַנען. אין אַדווערטייזמענטלאַך איז מען געשיקט, אויף דער פּען צו שרייבן. אז ס'קומט א גאסט אין שטעטל גייט מען אים אנטקעגן מיט ברויט און זאַלץ.

און אהער שרייבט מען רייזעגראַפיעס, ציכטיקע באטראכטענישן פון א נייער וועלט. ליכטענשטיין הענגט אויף דער ליולקע, אין פּוילן קען מען זאָגן דאָס און יענץ. ראַוויטש טראָגט א בערדל און מנחם האָט זיך באזאָרגט מיט א ברודער אין יעדער שטאָט (און אַלץ דערפאר וואָס טאָמער האָט יענער אויך געקראָגן אביסל כבוד בא א גלעזל טיי.)

סטוק, סטוק! טויערן פון סאָוויעט רוסלאַנד עפענט זיך! משה נאַדיר, געוועזענער יצחק רייז פירט א באַגאַזש פון „פּניעכעס". צו א נייער אויפגערעכטער מדינה, עטלאכע קופערס מיט פּניעכעס!

תם ונשלם, די געשיכטע פון יצחק רייז המכונה משה נאדיר.

אײַן און צוואנציק

Digitized by Google

Original from
UNIVERSITY OF MICHIGAN

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized

אברהם טייטלבוים

יעקב אַדלער און דוד קעסלער

יעקב אַדלער און דוד קעסלער — פאָרשטייער פון איין גרויסער טעאַטראַלער עפּאָכע; באַצירער פון איין און דעם זעלבן בלאַט אין דער פּיאָנערן־געשיכטע פון דער יונגער אידישער בינע, און וואָס פּאַר אַ גרויסער מהלך און ריזיקער אונטערשיד צווישן זיי ביידע. אָן ספק די צוויי גרעסטע ריזן אין דער העראָאיק פון אַ טעאַטער־צייט, וואָס שליסט זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגן, אָבער וואָס פּאַר אַ שאַרפער קאָנטראַסט און וועזנטליכער חלוק איז געווען צווישן זיי.

מען קאָן זאָגן, אַז זיי זיינען געווען די צוויי עקסטרעמע פּאָלן, די צוויי ווייט־עקיגסטע פּונקטן פון דער ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער ערשטער פּעריאָדע פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקאַ.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז אין אַ פאַרגלייך פון אַרטיסטישע כחות וואָלט דוד קעסלער זיכער אַרויסגעקומען דער שטאַרקערער און וויכטיקערער. ווייל וואָס אַנבאַלאַנגט שוישפּילערישן פאַרנעם איז קעסלער געווען דער גרעסערער. זיין קינסטלערישער שוואונג איז געווען אַ ברייטערער. דער קאַליבר פון זיין טאַלאַנט איז געווען פון אַ גרעסערן אומפאַנג. אַלס אינדיווידועלער קינסטלער האָט קעסלער צייטנווייז זיך געקאָנט דערהויבן צו אַזעלכע הויכקייטן, פון וועלכע אַדלער האָט אפילו ניט געקאָנט חלומען.

דאָך אָבער, ווען מען קומט פאַרגלייכן זייער ביידנס אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער טעאַטער קונסט; ווען ס'איז די פראַגע ווער פון זיי האָט געהאַט אַ געזונטערן איינפלוס אויף דער געשטאַלטונג פון דער אידישער בינע, און וועמענס השפּעה איז נוציקער און שאַפערישער געווען — מוז גלייך קלאָר ווערן, אַז אַדלערס ראָלע איז געווען אַן אומפאַרגלייכליך גרעסערע און וויכטיקערע.

פון דעם שטאַנדפּונקט געקוקט וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אידישן טעאַטער זיכער מוזן לייגן אַ סך מער געוויכט אויף דער פּערזענליכקייט פון יעקב אַדלער, און אויף זיין בויענדיקער, פּאָזיטיווער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער אידישער בינע!

ווייל אויב אַדלער איז געווען סיסטעם, איז קעסלער געווען סיסטעמלאָזיקייט. אויב אַדלער איז געווען אָרגאַניזירטקייט, איז קעסלער געווען כאַאָס.

אויב אַדלער האָט אויף זיין אופן און לויט זיינע מעגלאַכקייטן פּרובירט אַריינברענגען וועלכע עס איז ליניע און אַ באַשטימטן אָנגעצייכנטן סדר אין אַלעם, וואָס ער האָט געטאָן און געשאַפן; אויב ער האָט פּרובירט אָרגאַניזירן די כחות אַרום זיך, כדי מיט אַלגעמיינע באַמיאונגען צו דערגרייכן עפּעס גאַנצעס און ווערטפולעס — איז קעסלער געווען די נעגאַציע פון יעדער פּלאַנמעסיקייט סיי אין זיין אייגענעם שאַפן, און סיי אין זיין צוזאַמענאַרבעטן מיט די, וועלכע זיינען אים געווען אונטערגעוואָרפן.

און די צייט, אין וועלכער זיי זיינען געווען טעטיק, איז דאָך דווקא געווען אַזאַ, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין וואָס מער פּאָזיטיוון שאַפן, אין וואָס מער פאַראייניקטער, בויענדיקער אַרבעט. ס'איז דאָך געווען די צייט, ווען די ערשטע ספּאָראַדישע אַרויסטרעטונגען פון ניי־געבוירענעם אידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, רומעניען און ענגלאַנד, האָבן אָנגעהויבן זיך פּאָרמירן און אָנצונעמען אַ פעסטן, סטאַבילן כאַראַקטער און אַ זיכערע פּאָזיציע אין דעם יונגן אידישן ישוב אין דער נייער וועלט. ס'איז דאָך געווען די צייט פון לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דעם צוקונפטיקן צואוואַקסענעם בנין, וואָס רופט זיך — אַמעריקאַניש אידיש טעאַטער.

דאָס נענטערע באַקאָנען זיך מיט די מעטאָדן און מיטלען פון אַרבעטן בא יעקב אַדלער און דוד קעסלער וועט אונז העלפן טיפער צו פאַרשטיין דעם אייגנאַרטיקן צוגאַנג און דעם באַזונדערן שאַפונגס אופן, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די ביידע קינסטלער.

זיי זיינען ביידע געווען אַנערקענטע און שטאַרק פאַרהערליכטע „שטערנס" פון דער אי־

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

דישער בינע. זיי זיינען געווען אָדער בעלי־בתים פון אייגענע טעאטערס, אָדער די הויפּט פאַרינטערעסירטע און די טאָן געבער אין די אונטערנעמונגען. פּיעסן זיינען אין זייערע טעאטערס געקליבן געוואָרן, אין וועלכע דער הויפּט אינטערעס האָט זיך באַדאַרפט קאָנצענטרירן אַרום זיי, און נאָר אַרום זיי. דער דערפאָלג פון יעדער פּיעסע האָט זיך געווענט בלויז אין זייער פּערזענליכן דערפאָלג, אָדער אָן זייער פּערזענליכע באַציאונג און ליבע צו דעם שטיק. מערסטענטיילס האָבן זיי אַליין רעזשיסירט און אויפגעפירט די פּיעסן, אין וועלכע זיי זיינען אויפגעטראָטן. אַזוי אַז אַלע איבעריקע אַקטיאָרן זיינען געווען נישט נאָר בלויז מאַטעריאַל, נאָר אויך קינסטלעריש אַבהענגיק פון זיי.

איז — אַדלער פלעגט כמעט די גאַנצע צייט זיינע און זיין גאַנצע ענערגיע אָבגעגעבן אויף שטודירן נישט בלויז זיינע אייגענע ראָלן, אין וועלכע ער האָט יעדעס מאָל אַנטדעקט נייע קינסטלערישע ניואַנסן, נייע סצענישע עפעקטן מיט וועלכע זיין שפּילן איז אַזוי רייך געווען. ער האָט דיזעלבע אויפמערקזאַמקייט אוועקגעגעבן אויך דעם שטודירן פון דער גאַנצער פּיעסע, אין וועלכער ער האָט פּרובירט אריינטראָגן אַן אַלגעמיינעם טאָן און קינסטלערישע גאַנצקייט.

אין יענער צייט איז עס געווען אַ דערפלעקונג.

ער פלעגט גאַנצע נעכט זיצן איבער דעם בינע־עקזעמפּלאַר, איבער וועלכן ער האָט גראַד געאַרבעט. די פּיס אין אַ שיסל קאַלטע וואַסער. און אויף לאַנגע בויגנס פּאַפּיר מיט גרויסע אותיות אין קאָלירטן בליישטיפט אָנצייכנען באַמערקונג נאָך באַמערקונג, סצענע נאָך סצענע און שטעלונג נאָך שטעלונג. ער פלעגט אויסאַרבעטן און פאַרשרייבן פּלענער פאַר דעקאָראַציעס און מוזיק, און מיט אָט די פאַרשריבענע בויגנס פלעגט ער צוזאַמענקומען אין טעאַטער אריין צו פּראָבע און פירן רעפּיטיציעס לויט די פריער אויסגעאַרבעטע פּלענער.

אַדלער איז אפשר געווען דער ערשטער און איינציקער (אַ חוץ גאָלדפאַדן), וואָס האָט אריינגעבראַכט אין אידישן טעאַטער דאָס, וואָס מען רופט אַ „רעזשי־בוך“, אין וועלכן דער גאַנצער גאַנג פון דער פּיעסע איז אויסגערעכנט און פאַרשריבן מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט. יעדער „איינפאַל“ איז פריער אויסגעמאָסטן און איינשטודירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט. קיין זאַך איז בא אים נישט געקומען פּלוצים און נישט פאַראויסגעזען.

און דיזעלבע קלאָרקייט האָט ער אויך איבערגעגעבן זיינע אַקטיאָרן. יעדער האָט פולשטענדיג געמוזט וויסן דעם גאַנצן גאַנג פון דעם שטיק. זיין פּינקטליכע שטעלונג און זיין גענויע באַציאונג צו דער גאַנצער זאַך.

אַדלער פלעגט האָבן אַ טבע בא פּראָבן איינצוטיילן דעם בינע־דיל אין פּלאַנען און קוואַדראַטן, און יעדן פּלאַן גענוי אָנצוצייכענען און נומערירן מיט קרייד. אַ זאַך, וואָס ער האָט זיכער געהאַט געלערנט פון די רעזשיסאָרן אין רוסישן טעאַטער, מיט וועלכן ער איז געווען באַקאַנט. די קוואַדראַטן און נומערן האָבן די אַקטיאָרן געמוזט פאַרצייכענען אין זייערע ראָלען, אַזוי, אַז בא יעדער סיטואַציע, יעדער מיזאַנסצענע האָט יעדער אַקטיאָר פּינקטליך געוואוסט אויף וועלכן פּלאַן און אין וועלכן באַשטימטן אָרט געפינט ער זיך.

די זעלבע אויפמערקזאַמקייט איז אויך אָבגעגעבן געוואָרן דער אויסאַרבעטונג פון באַזונדערע טאַנאַציעס און פון דעם אַלגעמיינעם טאָן.

די מיזאַנסצענעס און דער אַלגעמיינער טאָן האָבן געמוזט אָפּגעהיט ווערן מיט דער גרעסטער שטרייינגקייט. צו דער צוואַנציקסטער פאַרשטעלונג האָט אַ פּיעסע געמוזט גיין מיט דער זעלבער פּינקטלאַכקייט און געשלאָסנקייט ווי באַם ערשטן מאָל.

האָט געטראָפן, אַז אַדלערן איז געפעלן געוואָרן שפּעטער איבערצובייטן אַ סצענע, איז ער ווידער געקומען מיט נייע גרויסע באַשריבענע פּאַפּיר בויגנס, און די סצענע אויפסניי איבערגעשטודירט, איבערגעביטן די שטעלונגען מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט, ווי באַם אָריגינעלן איינשטודירן די פּיעסע.

דערפאַר אָבער האָט ער אין צייט פון שפּילן געגעבן די פולשטענדיקסטע פרייהייט זיינע אַקטיאָרן. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געשטערט און קיין שום באַמערקונגען נישט גע־

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

מאַכט אויף דער בינע. פאַרקערט — האָט אַן אַנדערער געשפילט, פלעגט ער זיצן אָדער שטיין אָן אַ זייט, און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און הנאה יענעם באַוואונדערן, און מיטהעלפן אים מיט זיין צושפילן.

פונקט אויף דעם היפוכדריקסטן אופן האָט געאַרבעט דוד קעסלער.

נישט נאָר האָט ער כמעט קיינמאָל נישט געקאָנט זיינע אייגענע ראָלן, נאָר מערסטנטיילס האָט ער אפילו גענוי נישט געוואוסט דעם אינהאַלט פון שטיק אין וועלכן ער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן און איינשטודירן מיט זיינע אַקטיאָרן. פון אויסאַרבעטן אַ פריער באַטראַכטן רעזשי־פלאַן האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. גאַנץ אָפט האָט געטראָפן, אַז מען איז אַרויפגעגאַנגען שפילן גאָר אָן שום פראָבן, אַזוי אַז קיינער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט וואו ער שטייט און וואָס ער טוט.

האָט מען יאָ געמאַכט פראָבן פלעגט ער אויסמאַטערן די אַקטיאָרן מיט לאַנגע דרשות און דערקלערונגען, וועלכע האָבן גאַנץ אָפט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער עצם זאַך, און וועלכע קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען.

ס'איז גאָר קיין נייעס נישט געווען ווען ער פלעגט קומען צו אַן ערשטער פאָרשטעלונג און פרעגן דעם געהילפס־רעזשיסאָר: „דורך וואַנען גיי איך אַרויף, און וואָס האָב איך צו טאָן?" — און זייענדיק שוין אויף דער בינע האָט אים זעלטן געקאָנט געפעלן ווי אימעצער שטייט אָדער גייט. זעלטן ווען ער האָט געקאָנט פאַרליידן אימיצער אַנדערש זאָל שפילן, און מיט זיין באַרימט געוואָרענעם „נו!!" האָט ער אויסגעדריקט זיין אומגעדולדיקייט און אומצופרידנקייט.

דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז געווען פולקאָמענע אַנאַרכיע: בא אַ דריטער אָדער פינפטער פאָרשטעלונג האָט שוין געקאָנט פאַסירן ער זאָל אַרויפגיין שפילן נישט גרימירטערהייד, אָדער ער זאָל איבערדרייען דעם פאַרוק מיט דעם שטערן אַהינטער און ריידן ניט געשטויגענע ניט געפלויגענע פראָזע. די איבעריקע אַקטיאָרן פלעגן בא אַזעלכע פאַלן אָדער

זיך שטיקן פון געלעכטער, אָדער אויס מורא זיך צולויפן אין די ווינקלען.

און אויב יענע צייט איז פאָרט געווען פול מיט שענע שוישפילערישע שאַפונגען; אויב אַ סך פון זיינע מיטשפילער האָבן זיך פאָרט אויסגעצייכנט אין אַ צאָל ראָלן, אין וועלכע מען געדענקט זיי נאָך ביז היינט, איז עס געווען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זיינען געווען קערנדיקע, גאָט געבענטשטע טאַלאַנטען, וועלכע האָבן זיך אויף שנעל צוגעפאַסט צו דעם אינטואיטיוון, „אויף גאָט'ס באַראַט"דיקן אופן שפילן. אָבער וויפיל כחות זיינען צוליב דעם אַוועק אין ניוועץ. וויפיל טייערע ענערגיע איז צוליב דעם אומזיסט פאַרשווענט געוואָרן אויף גאָרנישט.

אין דער הינזיכט האָט קעסלער דער אידישער בינע געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן. ער האָט אונזער טעאַטער איבערגעלאָזט בירושה די פאַרשאָלטענע קרענק, וואָס פאַרצערט און גראָבט עס אונטער — זיין כאַאָטישקייט און סיסטעמלאָזיקייט.

אים זיינען פרעמד געווען יעדע בינע טעכניק, בינע דיסציפלין אָדער וועלכע ס'איז אויסגעאַרבעטע בינע כללים. האָט די קינסטלערישע שכינה אויף אים ניט גערוט, איז ער געווען אומדערטרעגלאַך. אומבאַהאָלפן ווי אַ שלעכטער דילעטאַנט. זיינע וואונדערלאַכע, ווי פון גאָרניט אויסגעהאַקטע בינע פיגורן, און זיינע בינע קרעאַציעס האָט ער דערגרייכט נאָר אַ דאַנק זיין ריזיקן פרימיטיוון טאַלאַנט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אונטערוואַרפן קיין שום קאָנטראָל אָדער איינצאַמונג.

איז אויב זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערגרונטעווען צו די פסיכישע פאַרבאָרגענישן אין דעם אינערליכן פראָצעס פון זיין אינטואיטיוון שאַפן, האָבן אָבער אַ גרויסע צאָל אידישע אַקטיאָרן גאַנץ גרינג איבערגענומען די נעגאַטיווע, שאָטנדיקע זייטן פון זיין טאַלאַנט. מען האָט העראָלדירט און זיך געקוויקט מיט אַלע זיינע חסרונות און הפקר'דיקע אַרויסטרעטונגען. און כמעט אַ גאַנצער דור אידישע שוישפילער האָבן געמאַכט פאַר זייער לעבנס דעוויז: „מען דאַרף

נישט לערנען. נשקשה, דוד קעסלער האָט אויך נישט „געלערנט“.

מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן מיט קעסלערן, ווען ער איז נאָך געווען אויף דער העכסטער הויך פון זיין גרויסקייט. אין לאָנדאָן אין 1913. די ידיעה אַז דוד קעסלער קומט צופאָרן און אַז איך וועל האָבן די זכיה צו שטיין אויף די „ברעטער“ צוזאַמען מיטן גרעסטן קינסטלער פון דער אידישער בינע, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַן אומבאַשרייבליכע פרייד און נערוועזיטעט. די דערוואַרטונגען סיי בא דער טרופּע און סיי באַם פּובליקום איז דערגאַנגען ביז געשפּאַנטקייט.

אָבער ווי גרויס איז געווען אונזער אַלעמענס אַנטוישונג פון זיין האַלטן זיך און פון זיין גאַנצער באַציאונג צו זיין אייגן שפּילן, און זיין מיטאַרבעטן מיט דער טרופּע.

ער איז אויפגעטראָטן אין זיינע ליבלינגס ראָלן: שלמקע שאַרלאַטאַן, יעקל שאַפּשאָוויטש, רפאל פרידלענדער און אַנדערע. אָבער אויף קיין פאַל האָט מען בא אים ניט געקאָנט פּועלן, ער זאָל קומען מאַכן די נויטיקע פּראָבן מיט דעם פרעמדן אַנסאַמבל. די געציילטע אויסגעבעטענע פּראָבן זיינען געפירט געוואָרן כאַאָטיש און אָן יעדן אינטערעס. און די פאָרשטעלונגען זיינען, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, געווען אַ שווערלאַכער, קינסטלערישער דורכפאַל. די צעשראָקענע אַרטיסטן האָבן זיך בשעת׳ן שפּילן געפּלאָנטערט אונטער די פיס, און נאָך מער געפּלאָנטערט מיט דער פּראָזע צוליב זיין אַרומטרייבן יעדן, און זיינע אויפ׳ן קול׳יקע באַמערקונגען און חוזק׳ערייען. אַליין איז ער עטלאַכע מאָל אַרויפגעקומען שפּילן אָן בערד און אָן פּאַרוקן, מיט זיין הוילן נישט־גרימירטן פּנים, אין די אייגענע גאַסן קליידר. אַזוי אַז צו דער לעצטער פאָרשטעלונג איז שוין קיין סימן נישט געווען פון דעם רעספּעקט און ליבע, מיט וועלכע מען האָט איהם פריהער געהאַט באַגעגנט. דאָס שטיק איז געשפּילט געוואָרן אונטער די אַלגעמיינע אויסרופן “נו! נו!“, מיט וועלכע אַלע אַרטיסטן פון טרופּע האָבן באַגלייט יעדן רעפּליק זיינעם, אַלס פּראָטעסט קעגן זיין האַנדלען און אויפפירן זיך אויף דער בינע.

אַ לאַנגע צייט נאָך זיין וויזיט האָב איך נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון די שווערע געדאַנקען און ביטערע ספקות וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס קונסט און קינסטלער, וואָס דער גרעסטער אידישער אַרטיסט האָט אין מיר אַרויסגערופן.

און לאָנדאָן איז דאָך נישט געווען קיין אויסנאַמספאַל בא אים. אין דער אידישער טעאַטערוועלט איז דאָך גוט באַקאַנט דער כאַראַקטעריסטישער פאַל, ווען איינער פון די באַוואוסטע אידישע אַקטיאָרן האָט באַדאַרפט שפּילן מיט קעסלערן זיין ברודער אין „שלמקע שאַרלאַטאַן“. ער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פּועלן, אַז קעסלער זאָל מיט אים מאַכן פּראָבע, כדי ער זאָל וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן. בא דער באַקאַנטער סצענע ווען שלמקע פאָדערט פון ברודער דין וחשבון און פרעגט פּראָטעסטירנדיק: “ווייסטו ווער איך בין?!“ האָט דער אַקטיאָר, נישט ווי־סנדיק אַנדערש, געענטפערט זיין רעפּליק נישט ווי געהעריק. קעסלער איז געוואָרן אָנגעצונדן און האָט איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע פראַגע אין אַן העכערן טאָן. יענער האָט אַ צוטומעלטער ווידער געענטפערט ווי פריער. און ווען קעסלער האָט שוין קרומנדיק זיך ווידער אַמאָל געמאָנט אין העכסטן עקסטאַז: „ווייסטו ווער איך בין!“ האָט יענער אַקטיאָר שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און אויסגעדונערט: „אַ באַלעגאָלע ביזטו, אַן אויסוואָרף ביזטו, כ׳האָב זיך בא דיר געבעטן מאַכן אַ פּראָבע, דער רוח זאָל דיך נעמען! מען דאַרף מאַכן פּראָבע, מר. קעסלער!...

קעסלער׳ס אַנאַרכישער, זיג־זאַגנעדיקער שאַפונגס אופן קאָן נאָך אפשר זיין באַרעכטיגט בא דעם יחיד, וואָס שאַפט אַליין פאַר זיך, פון קיינעם נישט אָפּהענגיק. ער קאָן נאָך אפשר זיין געוואונשן, אַלס סמן פון אינדיווידועלער פרייקייט און פערזענלאַכער דינאַמישקייט. ער ווערט אָבער פאַרוואַנדעלט אין אַ קללה און איז אויף קיין פאַל נישט דערלאָזבאַר אינ׳ם קאָלעקטיוון שאַפן. און מער ווי יעדע אַנדערע איז דאָך די טעאַטער־קונסט אונטערגעוואָרפן דער העכסטער פאָדערונג פון אָרגאַניזירטקייט, וועלכע דערלאָזט נישט קיין צופעליקייטן; וואו יעדער קאַפּריז פון יחיד מוז אָפּטרעטן דעם קאָלעקטיוון ווילן, אָן

וועמען עס ווענדט זיך און הענגט אָפּ דער ערפאָלג פון דער גאַנצער קינסטלערישער שאַפונג.

מיט יעקב אַדלער'ן איז מיר אויסגעקומען מיטצושפּילן שוין אין דער צייט פון זיין צוזאַמענברוך, בלויז אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט. ער האָט שוין נישט געקאָנט גיין. מען האָט אים געמוזט אַרויפפירן אויף דער בינע אונטער די הענט. דאָך קאָן איך נישט פאַרגעסן דעם דערשיטערנדיקן איינדרוק, וואָס יענע פאַרשטעלונגען האָבן געמאַכט אויף מיר און אויף אַלע מיטשפּילנדיקע אַרטיסטן.

די פּיעסן זיינען פּונקט ווי אין די "אַלטע גוטע צייטן" איינגעשטודירט געוואָרן דורך זיין לאַנג יאָריקן מיטאַרבעטער און תּלמיד איזידאָר קעשיער, און זיינען דורכגעגאַנגען באַ אַ גוואַלטיק געהויבענער שטימונג. סיי מיר, די אינגערע מיטשפּילער, און סיי די עלטערע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן נאָך געהאַט געשפּילט זייערע ראָלן אין די אָריגינעלע אויפפירונגען, האָבן זיך געפילט פאַראייניקט אונטער איין אייזערנעם ווילן. די הויכע אויסערגעוויינלאַכע, קלאַסיש שיינע פיגור פון דעם שוין קראַנקן „קעניג ליר" האָט מאַגנעטיזירט און אָנגעפילט מיט ליבע און יום־טוב'דיקייט, און געמאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ מיט דער פרייד פון קינסטלערישן מיטשאַפן, פון קינסטלערישן צוזאַמענאַרבעטן.

נישט אומזיסט ווערן תּמיד, ווען מען שרייבט איבער אַדלער'ן אומפאַרמיידליך דערמאָנט זיין דעקאָראַטיווקייט און יום־טובדי'קייט. זיין גאַנצע אַרבעט און שאַפונג האָט געהאַט אין זיך סימעטרישע צייכנונג, גראַציעזע ליניע און טעאַטראַלישע אויסגעצירטקייט. און איז אינגאַנצן געווען אויסגערעכנט אויף צו דערהויבן און פאַרשענערן.

זיין יום־טוב'דיקייט איז געווען די אויסשטראַלונג פון זיין גאַנצן קינסטלערישן "איך". און אָט די יום־טוב'דיקייט האָט ער פון דער בינע אַריינגעפירט אין לעבן אַריין, להיפּך צו קעסלערן, וועלכער פלעגט זיך גאַנץ אָפּט מיט זיין וואָכנדיקייט פון לעבן אַריינרייסן גלייך אויף דער בינע.

דער חלוק האָט זיך אפילו בולט אָנגעזען אויך אויף זייער אויסערלאַכקייט, אויסער דער בינע.

דער ערשטער, אויף דער סצענע אַ ראָמאַנטיקער האָט אפילו אין פּריוואַטן לעבן זיך געמוזט אַרומרינגלען מיט דער אויסשליסלאַכער בינע אַטמאָספערע. פאַרן אין אַ פּריצישער קאַרעטע, אַרומגערינגעלט תּמיד מיט אַ שטאַב באַדינער און פאַרערער. ער האָט אין לעבן באַנוצט בינעשפּראַך און בינע־מאַניערן. צווישן צענדליקע טויזנט אַנדערע מענשן וואָלט מען באַלד מיט'ן ערשטן בליק געקאָנט דערקענען, אַז דער מענש מיט דער הויכער, שלאַנקער פיגור, שניי־ווייסע האָר, לאַכנדיקע אויגן און אַדלער־נאָז, קאָן נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ פּרינץ פון דער בינע.

דער צווייטער, אויף דער סצענע אַ שטרענגער רעאַליסט, פלעגט זיך אָפּגעזעגענען מיט דער בינע גלייך ווי ער האָט פאַרלאָזט אירע ברעטער. ער האָט קיינמאָל נישט געקלערט וועגן דער בינע אין פּריוואַטן לעבן, און נישט געלאָזט זיך באַאומרואיקן פון די פאַרשידענע פראַגן און אויפגאַבעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איר. ער האָט זיך געקליידעט און געהאַלטן כּמעט נאַכלעסיק. און זיין עטוואָס אומגעלומפּערטע דיקלאַכע פיגור מיט דעם אומרעגלמעסיקן פּנים און גראָבער נאָז, האָבן אים מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכנט, מען זאָל אים נישט אָננעמען פאַר עפּעס אַ נישט אָנגעזעענעם סוחר אָדער דריט־קלאַסיקן פאַבריקאַנט.

אינטערעסאַנט זיינען געווען די באַציאונגען צווישן די צוויי גרויסע קינסטלער.

אַדלער האָט שטאַרק געהאַלטן פון קעסלערן אַלס אַקטיאָר. ער האָט הויך געשעצט זיין ריזיקן טאַלאַנט. ער האָט אָבער מיט אַלע כּחות אויסגעמידן צו שפּילן צוזאַמען מיט אים. ער פלעגט זיך פאַרלירן אין יענעמ'ס נעגנוואַרט. און אויב עס איז אין געציילטע אויסנאַמספאַלן, אויסגעקומען צ ושפּילן מיט קעסלערן צוזאַמען און ער האָט באַדאַרפט איינשטודירן דאָס שטיק, פלעגט ער מיט אַ נישט דרייסטקייט און מיט הכנעה זיך בעטן באַ אים, נישט דירעקט, דורך אַ דריטע פּערזאָן:

„זאָל ער איבערגיין אין יענער זייט", אָדער "זאָל ער אונטערשטרייכן דעם רעפּליס". ער האָט זיך עפּעס ווי געשראָקן, יענער זאָל זיך ניט אַריינרייסן אין זיין הייליקייט, און מיט זיין

אומדיסציפּלינירטקייט און כאַאָטישקייט נישט פאַרשטערן זיין יום טוב.

קעסלער דאַגעגן, האָט געקוקט אויף אַדלער'ן פון אויבן אַראָפּ. געהאַלטן אים פאַר אַ קונצן־מאַכער, נישט פאַר קיין אמת'ן ארטיסט, און פלעגט תמיד ריידן אין אַ חוזק־טאָן וועגן יענעמס פּינקטלאַכקייט און אויסגערעכנטקייט.

אַ סך מער ווי די באַזונדערע געלט אינטע־רעסן אָדער קינסטלערישע אייפערזוכט האָבן אָט די צוויי באַזונדערע אַנבליקן זייערע, זיי תמיד געהאַלטן ווייט אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן, און קיינאָל נישט דערלאָזט צו קיין אמת'ער דער־נעענטערונג צווישן זיי.

אָט די באַזונדערקייט אין זייער אופן אַר־בעטן דערקלערט טיילווייז דעם פאַקט, וואָס יעקב אַדלער האָט, אין אַ געוויסן זין, יאָ גע־שאַפן און געלאָזט נאָך זיך אַ סימן פון דעם, וואָס רופט זיך שולע. אַ סך אַקטיאָרן האָבן אי־בערגענומען זיין מאַניער פון שפּילן, זיין אַרט ריידן, זיין אופן גרימירן זיך. ס'איז געבליבן און מען קאָן בולט אָנווייזן אויף אַן אַדלער'שן סטיל.

קעסלער אָבער האָט, אין פּאָזיטיוון זין, כמעט קיין שום ירושה נאָך זיך נישט געלאָזן, און קיין שולע נישט געשאַפן. אים נאָכשפּילן האָט מען נישט געקאָנט, ווייל אים זיינען אַליין נישט באַקאַנט געווען די וועגן און מיטלען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַדינט, און מיט וועלכע ער האָט דערגרייכט זיינע גרויסע אויפטואונגען. די קונסט פון גרימירן זיך איז אים איננאַנצן פרעמד געווען, און זיין מאַניער, כאָטש גרויס צו ניס און שטאַרק, אָבער אַזוי צוואָרפן און דיס־אָרגאַניזירט, האָט זיך שווערלאַך געלאָזט דעפּי־נירן.

און דערפאַר — אויב קעסלער איז געווען דער פייערשפּייענדיקער באַרג, דער סטיכיש צו־שפּילטער וואולקאַן, וואָס דערשיטערט אונז, און טרייסלט אונז אויף מיט זיין גראַנדיעזקייט, וואָס וואַרפט אַריין אין טעראָר; און מאַכט אונז אַנטלויפן מיט שרעק צוליב דעם, וואָס ער פאַרוויסט אַלץ וואָס געפינט זיך אַרום אים — איז אַדלער געווען די „אָוראָרא באָרעאַליס“, די כשוף'דיגע צפון ליכט דערשיינונג, וואָס ציט אונז צו און באַצווינגט אונז מיט אירע מיסטעריעזע און טויזנט קאָלירן זיך מיניענדיקע האַרמאָנישע פאַרבן שפּילן; וואָס דערוועקט אין אונזערע הערצער דעם ציטערדיקן עכאָ פון דעם אייביקן, אָרגאַניזירטן וועלט ריטם, דעם ריטם פון אין סוף. —

יצחק אלהנן ראָנטש:

(פאַר מלכה'ן)

ליד

מינוטן פון איינזאַם און בענקן,
כּאָמענטן פון אייביקן צער,
ווען דו ביסט דער צענטער פון דענקן,
ווען דו ביסט פון פילן דער האַר.

עס נידרן וועלטן צופסנס,
עס נענטערן רוימען אַראָפּ;
עס ברענגען שלוכים דיר גרוסן
פון צייטן, וואָס קרוינען דיין קאָפּ.

נאָר ס'איג דיינס — איז שטאַרק פון טרערן,
דיין פנים געליטערט פון לייד:
דער האַר פון געצונדענע ספערן
אין איינזאַמען בענקן פאַרגייט.

די שיינקייט פון איינזאַם־מאָמענטן,
דערהויבונג פון צער־געפיל —
אַ וידוי, פון לעבן פאַרשווענדטן,
אַן אָפּשטעל פון מאָלענדער מיל.

ברוך קאַצענעלסאָן

פסוקים

א. שיק דיין האַרץ אין נאַכט אוועק.
היט די טריט פון ליכטיקע מינוטן.

ב. אויף ווייסע שטיינער, פון ביידע זייטן וועג,
רוען אַלטע, קלוגע טעג.

ג. מיין לעבן, אַ פאַרשפּעטיקטע תפילה,
פלאַטערט אין נאַכטיקן שווייגן.

ד. שליסט־צו די טויערן פון וועלט,
זאָל זיך אָפּשטעלן דער גאַנג פון דורות!

ה. ווען הימלען טריפן שטילקייט,
שיקט גאָט זיין וואָרט צו וואַכעדיקע גראָזן.

י. איך בין דער יורש פון ליכטיקע קוואַלן
און היט דעם פאַרטרויטן פאַרמעגן.

דוד פינסקי

איסאַק פיניעוו

טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג אין פיר אַקטן

(צווייטער טייל פון „אייזיק שעפטל“)

פערזאָנען

איסאַק פיניעוו, פריער אייזיק שעפטל.
שפרה קונין.
מאַאיסיי קאַצענעלענסאָן, שפעטער מאָריס נעלסאָן.
דער רויטער.
דער לאַנגער.
דער קורצער — רוסישע רעוואָלוציאָנערן.
גרישאַ
דאָראַ

די באַלעבאָסטע פון פיניעוו'ס דירה
אירע ביידע טעכטער.
ביילע, פיניעוו'ס פרוי.
גישאַנקאַ, שפעטער נישא — זיינע קינדער
עלינקע, שפעטער איליא — זיינע קינדער

רוסישע פאָליציי
קאַנעווסקי
זיסקין
איוועןסקי
ליאַראָווסקי — מיטגלידער פון א רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַריין אין פאַריז.
מעלניק
באַביטש
דער זאַאיקע
און נאָך אַנדערע

פראַנצויזישע פאָליציי.
בערגמאַן.
זילבערשטיין.
שעפס.
לונין.

אמעריקאַנער פאָליציי.
ערסטער
צווייטער
דריטער — באַאַמטע.
פערטער
פיפטער
זעקסטער (פעטליוק).
אַרקאַדי לוואָוויטש פראָסיק.

אַכט און צוואַנציק

ז. ווײנפער

א. לעיעלעס

„כ'מוז ראנגלען זיך, ביז ס'וועט זיך הויך דערהערן
מיין שטים, מיין אייגענע און יענע דאָן פאַרצערן.“

אַט דאָס האָט לעיעלעס געפילט נאָך א סך פריער איידער ער האָט אַט די שורות אָנגעשריבען. ער האָט געוואוסט טיף אין זיך, אַז די שטים איז דאָ, אָבער זי ווערט פאַרצערט פון צופיל דרויסנדיקס, פון צופיל פרעמדס און ער האָט זיך געראַנגלט:

„מיין שטים מיין אייגענס! אָ זאָל מיך גאָט באַשערן
די ווייטע העלע גאָלד זוימען אין זיך צו מערן,
וואָס קומען פון דעם שטאַרקסטן, בלענדנדיקסטן גלאַנץ,
וואָס וואַרפן אין עקסטאַז פון שטילן, ווייסן טראַנס
און זייער שליכעס איז:
פאַרוואַנדלען און באַקערן.“

דאָס לעצטע וואָרט „באַקערן“ איז מיר אפילו פרעמד, ווארים לעיעלעס האָט דאָך נישט געלייטערט זיין שטים כדי צו ווערן א מיסיאָנער, רחמנא לצלן, נאָר כדי ארויסצו־ברייגנגען די העלע גאָלדענע זוימען, וואָס קומען פון דעם שטאַרקסטן, בלענדנדיקן גלאַנץ.

אָבער עס מאכט נישט אויס.

אויב ער האָט מיך נישט צו וואָס צו באַקערן, האָט ער אָבער מיך גע־צוואונגען אים צו הערן.

אמת, נישט אזוי גיך האָב איך זיך צוגעוואוינט צו זיין שטים. זיין פלוצלינגדיקער איבערגאַנג פון זיינע לידער אינ'ם ביכל: „לאַבי־רינט“ צו די לידער, וואָס ער האָט געדרוקט אינ'ם „אינזיך“ און וועל־כע זיינען שפעטער ארויס אין א בוך: „יונג־הארבסט“, האָט מיך אינגאַנצן צומישט. עס האָבן נישט געהאָלפן די אלע טעאָריעס, וואָס ער האָט געפרואווט אויפבויען וועגן זיין נייער פאָעזיע.

אויף מיר האָט ער געמאַכט דע־

מאַלט דעם איינדרוק פון א זינגער אין א אידישן אפּערעטן־טעאַטער, וואָס האָט זיך פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַ זינגער אויף א בינע מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען.

אַלץ איז נײַ און מאָדערן: די דעקאָראַציעס, די פאָרהאַנגען, דאָס ליכט און אפילו די ווערטער, וואָס דער זינגער ברענגט ארויס פונ׳ם מויל, אָבער דער טאָן איז אַזאַ קאַלטער און געמאַכטער:

„וויאָלעט פון מעלאַנכאָלישע
פאַרנאַכטן.
וויאָלעט פון אומבאַשטימטע
פאַרלאַנגען.
זיפצנדע, ווייכע, וויאָלעטענע וועלן
פון די וויאָלאָנטשעלן
און פאַרנאַכטיקע שעהן.“

די אַלע לידער פון די „וויאָלאָ׳ס“, „סעלימאָ,ס“, „עלאדעאָ׳ס“, „קאַראַ־הילדאַ׳ס“ און „בעאַטריטשע׳ס“ האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן, ווי איבערגעזונגען געזאַנג פון עפּעס אַ פרעמדער שפּראַך. אָבער ווען איך האָב געלייענט: „דאָס געזאַנג פון די פישערס, וואָס האָבן געפונען דאָס גאָלדענע פישל און עס באַלד ווידער פארלוירן“, האָב איך זיך אָנגעהויבן צוהערן.

„מיר האָבן עס נישט געזוכט,
ווען מיר האָבן עס געפונען.
און ווען מיר האָבן עס געפונען,
האָבן מיר געוואוסט, אַז מיר האָבן
עס שטענדיק געזוכט.“

לעילעס שטים איז דאָ א געלייטערטע און איך האָב זי געהערט מיט גרויס פאַרגעניגן.

אָבער געוואונען האָט ער מיך אינגאַנצן מיט זיין „מעשה פון הונדערט“:

„און זיך אויסגעצויגן האָט דער
גאָט פאַר זיי.
און געווענדט זיינע אויגן
צו זייערע,
און זיי אלע געזען —
יעדן באזונדער און אַלע צוזאַמען.

טרוים־געשטאַלטן

די אַרבעטער (ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער, פינפטער).
דער באָס.
דער אַרבעטערפירער.
דער סקעב.
צוויי גענגסטער.
דער שרייבער (יעלסאָן).
דער אַלטער.

ערשטער אַקט

אין פינסטערן רוסלאַנד.

פערזאָנען פון ערשטן אַקט.

איסאַק פיניעוו, פריער איזיק שעפטל.
שפרה קונין,
מאַאיסיי קאַצענעלענסאָן,
דער רויטער,
דער לאַנגער,
דער קורצער,
גרישאַ,
דאָראַ,
} מיטגלידער פון דער סאָצ.־דעמ. פאַרטיי.

די באַלעבאָסטע פון פיניעוו׳ס דירה.
אירעביידע טעכטער.
ביילע, פיניעוו׳ס ווייב.
גישינקע,
עלינקע,
} זיינע קינדער.
זשאַנדאַרמען.

די האַנדלונג קומט פאָר אין 1906.

איסאַק פיניעוו׳ס צימער. טיר רעכטס, צוויי פענצטער לינקס. אַ קאַנאַפּע באַ דער הינטערוואַנט, אַ טיש, פיר שטולן, אַ ביבערשראַנק, א קליידער־שראַנק מאַכן אוים דאָס מעבעל פון דעם צימער. דאָס צימער איז לעדיק אין דונקל. פּלוצלונג טריאומפירט אויף די מאַרסיעליעזע געזונגען פון עטליכע מענער־און פרויענשטימען הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. די מאַרסעליעזע הערט אויף, ווערט אָנגעקלאַפּט אין טיר. באַלד געמורמל. ענדליך ווערט די טיר אויפגעעפנט.

דער רויטער. (קוקט אריין). עס איז פינצטער. ער איז טאקע נישטאָ. (ער ווערט אריינגעשטופּט אין צימער און פינף מער טרעטן אריין, דריי בחורים און צוויי מיידלאך.)

שפרה קונין (אנטוישט). עס איז טאקע פינצטער און ער איז נישטאָ.

דער רויטער. צו פינצטער איז פאַראַן א סגולה. (רייבט אָן אַ שוועבעלע.) אָט איז פייער און אָט איז די לאָמפּ — ווערט עס גלייך ליכטיק. (צינדט אָן די לאָמפּ.) און איצטער זעען מיר טאקע באשיינפּערליך, אַז ער איז נישטאָ.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

קאצענעלענסאָן. איז וואָס וועט זיין מיט אונזער שליחות?

דער רויטער. אַז נישטאָ איז נישטאָ.

דער לאַנגער. מע האָט אונז געשיקט מיר זאָלן אים ברענגען, וועלן מיר דאָ וואַרטן, ביז ער וועט קומען.

דאָראַ. און ווי, אַז ער וועט אַוועק אַהין אַליין?

קאַצענעלענסאָן. זאָל איינער פון אונז אַוועק אַהין. זאַלבעפינפט וועלן מיר אים אויך קאָנען ברענגען. גענוג אונטערפירערשאַפט.

דער קורצער. וועל איך גיין צוריק אין זאַל. אויב ער איז דאָרטן נישטאָ, וועלן מיר אים זוכן אין נאָך פּלעצער.

דער רויטער. גוט אָפּגעטראַכט, קורצער. (דער קורצער גייט אַוועק. די איבעריקע צוזעצן זיך. די מענער און דאָרא פאררויכערן.)

שפרה. מיר וואָלטן בעסער אָפּגעוואַרט אין פּאַרנסטן צימער. איסאַק וועט זיין אומצופרידן, וואָס מיר האָבן זיך צו אים אַריינגעריסן.

דער רויטער. דער צוועט הייליקט די מיטל.

קאַצענעלענסאָן. און וואָס איז ער פאַר אַ פריץ!

שפרה. דאָס איז נישט, ווייל ער איז אַ פריץ.

דאָראַ. קאָנספּיראַציע.

דער לאַנגער. נישטאָ שוין מער קיין קאָנספּיראַציע, מיין זיסע דאָרא!

שפרה. ער וועט זיך נישט אַריינרייסן אין קיינעמ׳ס צימער און קיינער דאַרף זיך נישט אַריינרייסן צו אים. אַזוי פאַרשטיי איך אים.

דאָראַ. אָפּגעשלאָסן.

קאַצענעלענסאָן. ווי זיין שוואַרץ העמדל. צוגעקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלאַך.

דאָראַ. האָט איר אים געזען אַמאָל אַ שמייכל טאָן?

קאַצענעלענסאָן. האָט איר געזען אַ שטראַל פון דער זון אין אַ שוואַרצן רעגנדיקן אָסיען־טאָג, זיסע דאָרא?

שפרה. ווער דאַרף זיין שמייכל? זיין נשמה איז ראָך וואַרם. רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען גאַנץ אַריינגעגעבן אין זייער אַרבעט, קאָנען נישט שמייכלען, האָבן גאָר קיין צייט נישט צו שמייכלען.

קאַצענעלענסאָן. אַ נייע טעאָריע! איר גלויבט׳אָך אַליין נישט, אַז אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערן האָבן נישט געשמייכלט. אָט איך קאָן שמייכלען, קאָן אפילו לאַכן — בין איך נישט איבערגעגעבן, אָדער „אַריינגעגעבן“ אין דער אַרבעט.

דאָראַ. פיניעוו איז שוין אַזאַ מענטש.

דער רויטער. ווער ווייס, וואָס ער האָט שוין דורכגעמאַכט.

דרייסיק

און געקלאַפּט האָט ער זיין אומגליקלאַך פּנים
אָן דער שוואַרצער ערד,
וואָס צו אים געהערט זי,
זי און די פולקייט, וואָס אין איר.
און זיך נאָך מער אויסגעצויגן.
און זיך נאָך נידעריקער איינגעבויגן,
און געקושט זייערע פיס,
די פיס פון די הונדערט,
יעדן באַזונדער.

אַ גאָט, וואָס קושט די פיס פון די פאַרפייניקטע און בעט בא זיי מחילה און בעט מ׳זאָל אים מלקות שלאָגן פאַר זיינע זינד איז מיר נאָענט און נאָענט איז מיר אויך געוואָרן דער דיכטער לעיעלעס, וואָס האָט פאַר מיר אַזאַ גאָט באַשאַפן.

לעיעלעס׳ אויסזען איז א געמיש פון פּרימיטיווע אגרעסיוויטעט און ראַפינירטע צוריק געהאַלטנקייט. די ליפּן ברייטע און פליישיקע, וואָס זיינען גרייט אַ וועלט צו פאַרשלינגען און זיינע באַקן בלאַסע, וואָס רויטלען זיך בלויז דאַן, ווען מען פאַרטשעפּעט זיין איידלקייט.

און זיין איידלקייט איז מערער פאַרטשעפּעט געוואָרן, ווי אַלע זיינע חברים׳ס.

אָט זיצט ער בא אַ טישל אין קאַפע צוזאַמען מיט חברים. מען רעדט וועגן ליטעראַטור און די מערסטע שפּילקעס ווערן געשיקט צו אים.

אָפטמאָל איז מיר אים אויסגעקומען צו זען אין קאַמף איינער אַליין געגן אַלעמען ארום אים:

— איר זיינט איינגאַנצן אונטער עדגאַר עלן פּאָ׳ס איינפלוס. — שיקט אים מאַני לייב א שפּילקע.

— פּאָ איז געווען אַ געניאַלער דיכטער און מען קאָן פון אים עפּעס לערנען, — בלייבט לעיעלעס נישט שולדיק קיין ענטפער.

— איך וואָלט אייך ראַטן אָנשרייבן אַ דאַנק ליד צו עדגאַר עלן פּאָ, — באַמערקט אן אנדערער מיט אַ שמייכל.

— און אָנהויבן זאָל דאָס ליד זיך אַזוי: „אָ פּאָ, דיין מאַנטל איז

געפאַלן אויף מיר!" — דעקלאַמירט אין אַ זינגענדיגע שטימע מאַני לייב.

אַט די סצענקע האָב איך בייגעוואוינט מיט יאָרן צוריק. דעמאָלסט איז לעיעלעס נאָך נישט געווען דאָס, וואָס ער איז היינט. אָבער אויך דעמאָלסט איז דער לעצטער זיי קיינמאָל נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. און טאָמער האָט אים אַמאָל אויסגעפעלט אַ וואָרט באַם טישל, האָט ער שפּעטער אינסטרואירט זיין צווילינגס ברודער א. גלאַנץ, וועלכער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט זיי אין דער פּרעסע.

א .גלאַנץ און א. לעיעלעס — צוויי נעמען פון איין מענטשן און שטענדיק פּלאָנטערט זיך דער ערשטער צווישן די שורות פון'ם צווייטן.

דער ערשטער, אַ זשורנאַליסט און געוועזענער פּאַרטיי טוער, וואָס באַשעפטיגט זיך מיט טאָג פראַגן אויף אַן אויבנאויפיקן שטייגער, און דער צווייטער אַן אולטראַ־מאָדערנער פּאָעט, וואָס גריבלט זיך „אינזיך" און באַמיט זיך צו זיין בלויז אַסאָציאַציעס און סוגעסטיוו. פּלאָנטערט זיך דער ערשטער אַמאָל אַריין אין די רייד פון'ם צווייטן:

„טריף־טריף־טריף.
אידיש בלוט.
לעמבערג, קעלץ,
זשיטאָמיר, בערדיטשעוו,
באָהוסלאַוו,
פּראָסקוראָוו,
פּראָסקוראָוו! פּראָסקוראָוו!"

ווערטער און נעמען, וואָס האָבן אפשר געהאַט אַ באַדייטונג אין דעם טאָג, ווען זיי זיינען פאַרבונדן געווען מיט וויכטיקער געשעעניש, אָבער וואָס האָבן שפּעטער קיין האַפּט נישט מער.

דאָ האָט זיך גלאַנץ דער ציטונגס זשורנאַליסט אַריינגעמישט אין די רייד פון א. לעיעלעס דעם פּאָעט.

דער לאַנגער. דאָס קאָן מען שווערן.

שפרה. ער לעבט מיט די ליידן פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

קאַצענעלענסאָן. דאָס לאָזט זיך נישט וועגן און מעסטן. מיר זיינען אַלע גרייט אויף דיזעלביקע קרבנות. מיר האָבן אַלע געבראַכט קרבנות. פאַרוואָס? ווייל מיר לעבן מיט די ליידן פון דעם פּראָלעטאַריאַט. ווייל מיר ווילן די אַרבעטער באַפרייען פון די דאָזיקע ליידן.

שפרה. איך פיל, אז ער לעבט זיי איבער גאַנץ אַנדערש ווי מיר.

דאָרא. האָט ער דיר ווען דערציילט, וואָס ער פילט?

שפרה. איך ווייס נישט, צי האָט ער עס ווען וועמען דערציילט.

דער לאַנגער. אַ בוך הינטער זיבן זיגלען.

דאָרא. דער אמת'ער קאָנספּיראַטאָר.

שפרה. דער אמת'ער פירער.

קאַצענעלענסאָן. לאַסאַל איז אודאי געווען דער אמת'ער פירער און האָט דוקא אַ סך גערעדט.

שפרה. וואָס טשעפּעט איר זיך צו אים?

קאַצענעלענסאָן. צו וועמען? צו פּיניעוו'ן? איך? — עס העבט זיך נישט אָן. איך בין נאָר קעגן איבערטרייבונגען.

דער לאַנגער. אָבער ווי די מעשה איז, היינט וועלן מיר אים מוזן מאַכן שמייכלען און אפילו לאַכן.

דאָרא. יאָ! ער מוז מיט אונז טרינקען און זינגען און...

דער רויטער. דערמאָנט טרינקען און זינגען. מיר זיצן דאָ דערווייל ווי די אבלים, און דאָרטן קערט זיך אַ וועלט.

גרישאַ. ווער הייסט אייך דאָ נישט מאַכן אַ שמחה'לע?

דאָרא. אַי, טאַקע!

קאַצענעלענסאָן. פיל בעסער ווי צו דיסקוטירן איבער פּיניעוו'ן.

דער לאַנגער. זינגען קאָנען מיר שוין, אָבער ווי נעמט מען וואָס צו טרינקען?

גרישאַ. האָב איך טאַקע בא מיר. (באַווייזט אַ סאָראָקאָוואָשקע.)

דער רויטער. איר זעט, פאַרוואָס ער איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל? לאַנג לעבן זאָל גרישאַ!

גרישאַ. איך האָב פיינט צו רעדן. איך האָב ליב צו טאָן.

קאַצענעלענסאָן. איז גלעזלאַך. (קוקט זיך אַרום.) ניטאָ קיין גלעזלאַך.

גרישאַ. מען דאַרף אַ זוך טאָן בא דער באַלעבאָסטע. (איילט אַרויס.)

דער רויטער. איז ביז וואַנען וואָס — זינגען! העב אָן, לאַנגער.

און און דרייסיק

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

דער לאַנגער (הערבט אָן אַ פריילאך סטודענטיש טרינק־ליד. דאָרא און דער רויטער זינגען מיט).

גרישא (קומט צוריק. דאָס זינגען ווערט לעבעדיקער, ער שרייט אויס). ניטאָ קיין גלעזלאך! (דאָס זינגען הערט אויף.)

דער רויטער. ווי איז עס עפּעס אַ שטוב אָן קעלישקעס?

קאַצענעלענסאָן. זאָל זיין טייגלעזער!

גרישא. ניטאָ קיין גלעזער, זאָגט זי. קיין שום גלעזער ניטאָ.

קאַצענעלענסאָן. פיניעוו מוז זיך אַריינקלייבן דוקא אין אַזאַ דירה.

דער רויטער. זאָל זיין די בלעכענע קוואָרט!

דער לאַנגער. זאָל זיין אַן עמער.

די באַלעבאָסטע (קומט אריין אין באַגלייטונג פון אירע ביידע טעכטער, צוויי יונגע שיינע מיידלאך).

גרישא. אָט איז די שולדיקע אליין.

די באַלעבאָסטע. איר זאָלט מיר מוחל זיין. איך קאָן אייך נישט געבן קיין גלעזער אויף בראָנפן טרינקען.

קאַצענעלענסאָן. האָט איר יא גלעזער?

די באַלעבאָסטע. אודאי האָב איך גלעזער. ווי איז עפּעס אַ שטוב אָן גלעזער! איך האָב גלעזער, שיינע גלעזער אפילו. איך האָב אפילו געשליפענע גלעזער. באָקאַלן האָב איך. שיינע קעלישיקלאך מיט אוזאָרן.

קאַצענעלענסאָן. איז פאַרוואָס גיט איר נישט? איר'ט מורא מיר'ן צוברעכן? מיר'ן אייך באַצאָלן פאַר יעדן קעלישיקל.

דער רויטער. אין פאָראויס, אויב איר ווילט.

גרישא. געלט גלייך אויפ'ן טיש. (כאַפּט זיך פאַר דער קעשענע.)

די באַלעבאָסטע. געזונט זאָלט איר זיין, איר'ט מיך נישט פאַרשטאַנען. איך זשאַלעווע אייך דען קעלישיקלאך? און די באָקאַלן וואָלט איך אייך נישט געגעבן?

קאַצענעלענסאָן. נאָר וואָס דען?

די באַלעבאָסטע אויף טיי וואָלט איך אייך געגעבן אַלע גלעזער, אָבער נישט אויף בראָנפן.

קאַצענעלענסאָן. איר'ט מורא מיר'ן זיך אָנ־שיכור'ן?

די באַלעבאָסטע. דערפאַר האָב איך אויך קיין מורא נישט. עס האָבן בא מיר אַמאָל געוואוינט סטודענטן, פלעגן זיי האָבן גאַנץ אָפט זייערע „פירושקעס" און שמחות און פלעגן זיך אָנטרינקען.

אַלע ((אויסער שפרה, אומגעדולדיק). איז וואָס־זשע?

צוויי און דרייסיק

אָבער ווען ׳דער לעצטער באַ־פרייט זיך פונ'ם ערשטן, איז ער דיכטעריש עכט:

„איך בין רואיק.
קאַרג — מיינע רייד.
ווייל דאָס וואָרט וואַכט און וואַכט
אין אָפּגרונט פון מיין זעל.
זאָלן אלע שטראָמען פון מיינע
וואונדן זיך אויסלוידיקן,
זאָלן אַלע גאָלדענע בעכערס פול
ווערן.
דאַן וועלן הייליק ווערן מיינע רייד
דאַן ערשט וועט דאָס וואָרט פון
זיין זעסט זיך באַפרייען."

דאָ איז ער רואיק און קאַרג מיט זיינע רייד, גייט טאַקע יעדעס וואָרט זיינס אויף פונ'ם אָפּגרונד פון זיין זעל.

און נישט נאָר אין זיין בוך: „יונג־הארבסט" פלאָנטערט זיך א. גלאַנץ אין א. לעיעלעס׳ רייד, נאָר אויך אין זיין לעצט בוך: „ראַנ־דאָס" וואָס איז א זייער ווייטער מהלך פונ'ם ערשטן, קאָן זיך דער פּאָעט נאָך נישט באפרייען פון דעם זשורנאַליסט:

„אַזוי ווערט אויך געמישט, אי
פאַר אי נאָך דעם וויגל,
דעם מענטשנס שיקזאַל. איינעם'ס
איז אַ גינגאָלד־קריגל,
אַלאַי — דעם צווייטנס. ס'מישן
האָט אַ מיין און האַפּט.
נאָר וויל! דערגרייך ס'געפעס,
צעגיס דעם פאַלשן זאַפט,
און הער דעם רויש פון גאָט'ס
צושפּרייטע פליגל."

איז דאָס נישט די „פילאָזאָפיע", וואָס מיר לייענען אויפ'ן אַכטן זייט פון אַ צייטונג'ס אַרטיקל?

אָבער גיבן מיר נאָר א מיש אי־בער איין בלעטל און:

„ווער וויים, באַנעמט דעם סאָד
פון פאָרן?
ווייט בענקט נאָך ווייט און ערגיץ
שאַלט אַ האָרן,
וואָס רופט און שליסט צונויף די
וויטסטע הענט.

און ווען אזוינס געשעט, ווערט
ווידער אויפגעבלענדט
דער פלאַם, וואָס ברענט ווי יענער."

ס'אַרא אונטערשייד פון די לעצ־
טע פּרעכטיקע שורות ביז די פריער
ציטירטע!

דאָרט ציימונגס פילאָזאָפיע און
דאָ עכטע קריסטאַליזירטע פּאָעזיע.
אָבער מען מוז צוגעבן, אַז וואָס
ווייטער באַזיגט אַלץ מער דער פּאָעט
דעם זשורנאַליסט.

דאָס לעצטע בוך „ראַנדאָס" פון
לעיעלעס'ן איז איינס פון די סאַמע
פיינסטע ביכער, וואָס מיר האָבן
אין אונזער אידישער פּאָעזיע.

ער האָט דאָ דערגרייכט דעם סאַ־
מע שפּיץ פון פאָרם־מייסטערשאַפט.
און עס איז טאַקע אפשר דאָס
וואָס האָט אים געצוואונגען זיך צו
פאַרפאַלקאָמען אין דער פאָרם־
מייסטערשאַפט.

אין דער געשלאָסענער, געהאַמער־
טער שורה פונ'ם סאָנעט, ראָנדאָ,
טערצען און טריאָלעט, האָט דער
זשורנאַליסט קיין שליטה נישט גע־
קאָנט האָבן:

„מיט דעם גרוס פון זעגלען אויף
די יאַמען,
וואָס מען וואַרט אויף זיי
באַזאָרגט און לאַנג,
קומט זי, צינדט אין האַרץ זי
ווייסע פלאַמען.
ניט דעם גרוס פון זעגלען אויף
די יאַמען
ווערט זי זעליק אויף דורך אַלע
צאַמען.
עסטער ברענג מיר, פרייד, דיין
גרויס געשאַנק —
מיט דעם גרוס פון זיגלען אויף
די יאַמען,
וואָס מען וואַרט אויף זיי באַזאָרגט
און לאַנג."

אָט דאָס ליד איז אַ מוסטער פון
דער געשליפנקייט, וואָס לעיעלעס
האָט דערגרייכט אין זיין בוך:
„ראַנדאָס".

און אַזעלכע לידער זיינען דאָ
אינ'ם בוך אַ היבשע צאָל: „באַ־
לאַדע", „טערצינען", אַ טייל פון די

קאַצענעלענסאָן. פאַרוואָס ווילט איר אונז נישט געבן אייערע קעלישקעס מיט די אוזאָרן?

באַלעבאָסטע. ווייל דאָ אין דעם צימער טרינקט מען נישט.

קאַצענעלענסאָן. ווי הייסט?

באַלעבאָסטע. אין זיין צימער דאַרף נישט געטרונקען ווערן.

קאַצענעלענסאָן. בא פיניעוו'ן?

דער רויטער. בא איסאַק'ן?

באַלעבאָסטע. יאָ. און איך בין אייך טאַקע געקומען בעטן, איר זאָלט בעסער באַהאַלטן אייער בראָנפן און נישט טרינ־קען דאָ. אַז נישט, וועט ער נאָך אין כעס ווערן, וואָס איך האָב אייך אריינגעלאָזן.

קאַצענעלענסאָן. אַזאַ שטרייגער פריץ איז ער?

דאָראַ. דאָס איז אָבער אינטערעסאַנט! איז עס נישט, שפרה?

שפרה (גאַנץ אויפגערעגט, מיט אַ גליקזעליקן שמייכל אויף איר געזיכט, ענטפערט נישט).

דער רויטער. דאָס האָט ער אייך אַזוי אָנגעזאָגט?

באַלעבאָסטע. וואָס דען? איך האָב עס אויסגע־טראַכט פון מיין קאָפּ?

קאַצענעלענסאָן. ווי איז ער געקומען ארויסצוגעבן אייך אַזאַ „פריקאַז"?

באַלעבאָסטע. ווייל איינמאָל איז עס שוין געשען. אויך געקומען אַ חברה, אים נישט געפונען אין דערהיים, אָבן זיי דערווייל געקראָגן בראָנפן אָדער געהאַט בא זיך בראָנפן און גע־נומען בא מיר קעלישיקעס און געמאַכט קידוש. איז אַז ער איז געקומען, איז ער אַזוי בייז געוואָרן, איך האָב אים נאָך קיינמאָל אַזוי אין כעס נישט געזען. איז פון דעמאָלט אָן ———

קאַצענעלענסאָן. און נאָר בראָנפן טאָר נישט אריינ־קומען אין זיין צימער?

באַלעבאָסטע. און וואָס נאָך?

קאַצענעלענסאָן (לאַכט, ווענדט זיך צו די טעכטער). האָט ער אייך גאָר קיינמאָל נישט אַ קוש געטאָן? אַזעלכע קראַ־סאַוויצעס?

שפרה. פוי!

באַלעבאָסטע. הלואי אַלע מאַנסבילן אַזוי. מיט אַן אויג האָט ער זיי אפילו קיינמאָל נישט אָנגערירט. איז זאָלט איר דאָ נישט טרינקען, איר הערט. (צו שפרה'ן און דאָראַ'ן.) זעט איר צו, איך בעט אייך, מען זאָל דאָ נישט טרינקען. (צו די טעכטער.) קומט.

קאַצענעלענסאָן. ווי די ביידע זיינען דאָס רויט געוואָרן! זעט נאָר.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from
UNIVERSITY OF MICHIGAN

באלעבאסטע (שטופט ארויס די טעכטער און גייט אוועק נאך זיי).

גרישא. וואס זאגט איר צו דער איבערראשונג, הא?

סאצענעלענסאן. ער האט אמאל געמוזט זיין א גרויסער זינדיקער.

שפרה. אנדערש קאנט איר זיך נישט פארשטעלן?

סאצענעלענסאן. ניין, אנדערש קאן איך עס מיר נישט פארשטעלן. א מענטש אן א שמייכל, אן בראנפן, אן א קוש פאר א מיידל — וואס דארפט איר אזוי רויט ווערן, טאווארישטש קונין?

שפרה. איר זייט א מיאוסער מענטש!

דארא. ווירקליך!

סאצענעלענסאן. גאר אזוי? איך בין אזא שיינער מענטש ווי איסאק פיניעוו. איך קאן לאכן, מאכן א "לחיים" און קושן א מיידל, און בין פונקט אזא שיינער מענטש און אזא גוטער סאציאליסט. און איך געפין זיך דערצו אין א בעסערער קאמפאניע ווי ער.

דער רויטער. וואס מיינט דאס?

סאצענעלענסאן. ווי ווייט איך וויים, האבן אלע גרויסע סאציאליסטן און רעוואלוציאנערן געטאן דאסזעלביקע וואס איך. געטרונקען, געלאכט, מיידלאך געקושט...

שפרה. אין דעם אפשר זייט איר גלייך מיט זיי.

סאצענעלענסאן. אין וואס איז מיט זיי גלייך פיניעוו?

שפרה. איך וויל מיט אייך נישט רעדן. און איר האט ווירקליך נישט גענדארפט זיין איינער פון די, וועלכע זיינען אים נענאנגען נעמען — —

סאצענעלענסאן. וואס איך האב געזאלט טאן אדער נישט געזאלט טאן, איז מיין זאך. און איר דארפט נישט אזוי אויפגעבראכט ווערן. איך וויל בא פיניעוו'ן גארניט אוועקנעמען. אבער דורך דעם, וואס ער איז אזא צדיק, ווערט ער נישט קיין בעסערער סאציאליסט, און איך ווער נישט קיין ערגערער, ווען איך בין נישט אזא צדיק. מיינט איר, אז נאך דער סאציאלער רעוואלוציע וועט מען קיין בראנפן נישט טרינקען און קיין מיידלאך נישט קושן?

דארא. איר זייט א ציניקער.

סאצענעלענסאן. מיט וואס? מיר ווילן דאס לעבן רייכער מאכן, נישט ארימער.

שפרה. שענער און איידעלער.

סאצענעלענסאן. יא, אבער נישט טרוקן און הארט און אן פארגניגן. זאגט דעם אמת, וואלט איר געוואלט, אז אלע זאלן ווערן ווי פיניעוו?

„ראנדאס", טריאלעטן און פון דער אפטיילונג: „הערבסט".

דאס זיינען אלץ לידער אין וועלכע לעיעלעס האט דערגרייכט די עכסטע פארם פון מייסטערשאפט.

און נישט נאר אין די געגראטטע לידער איז ער א סך געלייטערטער, ווי ער איז געווען פריער. אויך אין די פרייע פערזן פונ'ם בוך: „ראנדאס" האט אים זיין ראנגלען זיך אוועקגעפירט אויף א ווייטן מהלך:

„די ווייסע טרויעריקע קעניגין
האט געפליקט דריי ווייסע ליליען.
איינע פאר דעם קעניג,
איינע פאר דעם קרוין־פרינץ
און איינע פאר דעם טרויעריקן
ארלאנדא,
וואס קאן אן איר נישט לעבן.
די ווייסע טרויעריקע קעניגין
איז געשטאנען באם ראנד פון דעם
באלקאן.
אין איר האנט האט זי געהאלטן
די דריי ליליען,
און פון איר אויג איז גערונען
טרער נאך טרער.
איינע איז געפאלן אויף דעם
קעניגס ליליע,
האט די בלום זיך דאן צוגליט.
איינע איז געפאלן אויף דעם
קרוינפרינצס ליליע —
האט די בלום צעגליט גאלד און
רויט.
און ווען די טרער האט א ברי געטאן די ליליע פון דעם טרויעריקן
ארלאנדא,
איז זי אראפגעפאלן — בלייך
און טויט.

איך האב ציטירט א טייל פון אט דעם ליד, כאטש דער אינהאלט פון דעם געהערט צו די לידער פון די „בעאטריטשעס", „וויאליעס", „סעלימאס", „עלאדעאס" און „קאראהילדאס", וועלכע זיינען מיר פרעמד און מאכן אויף מיר דעם איינדרוק פון איבערגעזונגענעם געזאנג, אבער די פארם כאטש אין פרייען פערז, איז דא אזא קאנדענסירטע און אזא געשליפענע, אז איר מוזט דאס ליד באוואונדערן.

וואס זשע האט אונז דער פאעט א. לעיעלעס ביז איצט געגעבן?

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

זיין ליד „טערצינען“ פאַרענ־דיקט ער מיט אַט דער שורה:

„לאָמיר שיין זיין. שיינקייט איז
דער שיינקייטס לוין.“

אָבער שיינקייט געבן אונז אַלע בעסערע דיכטער פון אונזער דור און דערמיט אליין וואָלט ער נישט פאַרדינט קיין באזונדער פּלאַץ אין אונזער נייער פּאָעזיע.

וואָלט ער אונז בלויז דאָס גע־געבן וואָלט גענוג געווען, ווען מיר וואָלטן אויפגעעפנט פאר אים די טיר און אים געלאָזט פאַרנעמען א פּלאַץ צווישן יענע וועלכע זיינען געקומען פאַר אים.

אָבער לעיעלעס האָט עפּעס אין זיך, וואָס שיידט אים אונטער פון זיינע קאָלעגן און דאָס איז:

אין דער צייט, ווען יענע האָבן אפּעלירט בלויז מיט דער קראַפט פון דער אינטואיציע אפּעלירט ער אויך מיט דער קראַפט פון דעם אינטעלעקט.

אין דעם פּרט איז ער ענלאך צו יהואש'ן.

ווי יענער האָט אויך ער אריינ־געבראכט דאָס געדאנקלאכע אין דער נייער אידישער פּאָעזיע:

„ס'איז דאָס פאַרגיין, נאָר ערעוו נייעם מאָרגן —
מיין לעבן. און ס'איז רעכט און גוט אזוי.
עס מוז זיך דאָ, וואָס שאַרף, ניט־רייף און גרוי
לאַנג לייטערן אין די פאַנטאָסטען־זאָרגן,
פון בלייכן צווישן ליכט, וואָס רויט און בלוי.
מען קויפט נישט זעליקייט אויף טערק און טאָרגן,
דער ציל, וואָס איז פון מענטש־אויג פאַרבאָרגן
איז ניט פאר יעדן ווינט א לייכטע שטרוי.“

אַט די קראַפט פון דעם אינטע־לעקט, וואָס לעיעלעס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט איז אפשר געווען די אורזאַך, וואָס ער האָט זיך גע־

ש פ ר ה. ווען דאָס וואָלט נאָר מעגלאך געווען!

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. וואָלט איר נישט געוואָלט, ער זאָל אביסל אנדערש זיין? — ער זאָל אביסל יאָ קוקן אויף א מיידל און זען, ווי א מיידל קוקט אויף אים? — איר ווערט ווידער רויט.?

ש פ ר ה (שפּרינגט אויף). איך גיי צוריק צום באַל.

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איר דאַרפט נישט אנטלויפן, אזוי פירט מען נישט קיין דעבאַטע.

ש פ ר ה. מיט אייך קאָן מען קיין דעבאַטע נישט פירן. איר ווערט פערזענלאך און קריכט אין איינעמס נשמה מיט — מיט — מיט —

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איך האָב ריינע הענט.

ד ע ר ל אַ נ ג ע ר. שאַ, קריגט זיך נישט, די טעמע איז זייער אן אינטערעסאנטע. ווי וועט טאקע זיין נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין דער נייער געזעלשאַפטסאָרדנונג?

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. נאָך איר און נאָך פּיניעוו'ן וועלן אַלע דאַרפן טראָגן שווארצע העמדלאך, נישט טאָרן שמייכלען און חס ושלום קיין לאַך נישט טאָן, נישט —

ש פ ר ה. פּיניעוו האָט קיינמאָל קיינעם נישט פאָרגעשריבן וואָס צו טאָן! ער האָט קיינמאָל נישט געפאָדערט, מען זאָל אים נאָכטאָן. ער איז וואָס ער איז, און איך זאָג, הלואי וואָלטן א סך געוועזן אזוי ווי ער! הלואי וואָלטן —

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איך וועל עס נישט ווינטשן. איינ־געשלאָסענע מענטשן וואַרפן אויף מיר אָן א מורא און רופן בא מיר ארויס א חשד.

ש פ ר ה. א חשד?

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איך רעד איבערהויפּט. אָפט וויל מען אונטער איבערטריבענע צידקות עפּעס באַהאַלטן.

ש פ ר ה. איר זייט חושד פּיניעוו'ן!

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. אומזין! איך האָב געזאָגט: איך רעד איבערהויפּט. און ווען עס וואָלטן געוועזן ארום מיר א סך אזעלכע איינגעשלאָסענע מענטשן מיט ערנסטע געזיכטער אָן א שמייכל, וואָלט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך גיי ארום צווישן פאַרשווערער, און וואָלט נישט געוואוסט, פון וועלכער זייט וועל איך קריגן אריינגעשטאָכן דעם קינזשאַל.

ש פ ר ה (אין גרויסער אויפרעגונג). איר האָט אהערצו נישט געדאַרפט קומען! איר זייט נישט זיין פריינט!

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איר זייט אן היסטעריטשקע.

ש פ ר ה. און איר — (ענדיקט נישט, ווייל די טיר עפנט זיך אויף.)

א י ס אַ ק פּ י נ י ע וו (קומט אריין. אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן, בלאָנד, א בלאָנדן ארומגעשאָרענעם

בערדל, אַ שוואַרץ העמדל, די הויזן אין די הויכע שטיוול. זיין בליק איז דורכדרינגענדיק).

דער לאַנגער, דער רויטער און דאָראַ (רופן אויס.) אָט איז ער!

שפרה (באַמיט זיך צו באַזיגן איר אויפרעגונג).

פיניעוו. איר וואַרט דאָ טאַקע אויף מיר.

דאָראַ. מיר וואַרטן אויף אייך שוין אַ היבשע צייט.

דער רויטער. מיר זיינען אונטערפירער אוועקצו־נעמען אייך צום באַל.

פיניעוו. איך ווייס. איך קום פון דאָרטן.

דאָראַ, דער לאַנגער און דער רויטער. ווי? !

פיניעוו. איך בין דאָרטן ערסט געוועזן און געזאָגט, מען זאָל זיך פאַנאַנדערגיין.

גרישא. וואָס איז?

קאַצענעלענסאָן. מען טאָר נישט טאַנצן. מע טאָר נישט זינגען. מע טאָר נישט טרינקען. מע דאַרף זיך אוועקזעצן און זאָגן תהלים.

פיניעוו. וואָס מיינט איר מיט דעם?

קאַצענעלענסאָן. וואָס דען האָט איר געהייסן פאַ־נאַנדערגיין זיך? דאָס איז קעגן דעם פּרינציפּ פון נישט־שמייכלען.

פיניעוו. איר האָט אַ טעות, גענאָסע קאַצענעלענסאָן. און איך האָב בכלל נישט געהייסן, איך האָב גערעדט, מען זאָל זיך צעגיין, ווייל עס איז נישט די צייט פון אַזעלכע בעלער.

קאַצענעלענסאָן. נאָך נישט געקומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

פיניעוו. לײדער. און וואָס נאָך ערגער, דאָס ביסל רעוואָלוציע, וועלכע מיר האָבן געהאַט, איז אַ דורכפאַל. די רע־אַקציע איז געקומען צו זיך און הייבט אָן צו געוועלטיקן און צו פאַרגוואַלטיקן ווי פריער, פאַר דער רעוואָלוציע. און נאָך מיט מער אַנטשלאָסנהייט און אכזריות. די, וועלכע זיינען געוועזן אויפ׳ן באַל, זיינען געוועזן אין געפאַר אַרעסטירט צו ווערן.

קאַצענעלענסאָן. הם! (קוקט זיך איבער מיט דעם לאַנגן און דעם רויטן.) מערקווירדיק. (זוכט שפרה׳ס בליק.)

פיניעוו. וואָס איז מערקווירדיק, גענאָסע?

קאַצענעלענסאָן. ווי איר׳ט זיך דאָס דערוואוסט — אין צייט.

פיניעוו. געפעלט עס אייך נישט? און אַז איך וואָלט זיך דערוואוסט נאָך דער צייט, וואָלט געוועזן בעסער?

קאַצענעלענסאָן. איך מיין טאַקע גאָרנישט. איך

שטעלט אין דער שפּיץ פון דער גרופּע אינזיכיסטן.

מען האָט געדאַרפט האָבן אַ באַ־וועגונג כדי דורכצושלאָגן אַן הכשר, אַז געדאַנקלאָזיקייט קאָן אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָעזיע.

— דער אינזיכיזם, — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט, — האָט אויסגעשפּרייט דעם שטח פאַר נייע מעגלאַכקייטן.

און דאָס איז אמת.

ביז די אינזיכיסטן זיינען גע־קומען האָט די אידישע פּאָעזיע זיך געדרייט אין אַן ענגן אָפּגעצירקלטן קרייז.

אמת, דער קרייז איז געווען אַ קאָלירפולער, אָבער דאָך אַן ענגער. די פּאָעטן, כאָטש אַלע טאַלאַנטפולע און מיט באַזונדערע פּנים׳ער, האָבן זיי דאָך אָפּטמאָל איבערגעזונגען איינער דעם אַנדערנס ליד. די הענט זיינען געווען געפּענטעט און מען האָט זיי נים געקאָנט פאַנאַנדערנע־מען. זיינען געקומען די אינזי־כיסטן און האָבן צובראָכן אַלע מחיצות.

עס איז אויך אמת אַז אַ שטיקל צייט האָט צוליב אָט דער נייער איבערקערעניש געהערשט אַ תוהו ובוהו, אַ מיש מאַש, עס איז פּשוט פאַרלוירן געגאַנגען די מאָס צווישן עכטקייט און פּוסטע ווערטער, אָבער מיט דער צייט האָט זיך עס אויסגעקריסטאַליזירט און מען האָט אָנגעהויבן דערקאָנען „ווער איז ווער“.

און צווישן די עטלאַכע אַרויס־געשיילטע איז געקומען לעיעלעס אַ באַנייטער, אַ געלייטערטער. פריער אַ מטושטשער מיט סמנים פון געלייטערטקייט אין זיין „יונג־האַרבסט“, דערנאָך אַ מער געליי־טערטער אין זיין בוך: „ראָנדאָס“, ביז דערווייל די העכסטע דערגריי־כונג אין זיין „שלומה מולכו“.

„שלומה מולכו“ איז אַ מאָנו־מענטאַל ווערק. אָן דער קראַפט פון אינטעלעקט, וואָס לעיעלעס פאַר־מאָגט אין אַ פולער מאָס, וואָלט עס אוממעגלאַך געווען באַשאַפן צו ווערן.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

אַלע שטערונגען, וואָס זיינען אים פריער געשטאַנען אין וועג זיי־נען דאָ באזייטיקט געוואָרן, און די הויפט מעלה פון דעם איז, וואָס דאָ גייט בא אים זייט בא זייט די קראַפט פון דער אינטואיציע מיט דער קראַפט פון דעם אינטעלעקט.

מיט „שלומה מולכו“ האָט א. לעיעלעס דערגרייכט אַ פונקט, וואָס שטעלט אים אַוועק צווישן די סאַמע באדייטנדע דיכטער פון אונ־זער נייער אידישער פאָעזיע אין אַמעריקע.

ז. וויינפער.

דוד פינסקי מיט'ן „אויפקום“

אין דעם היינטיקן נומער „אויפקום“ הויבט זיך אָן צו דרוקן — ווי אונזערע לעזער זעען — אַ נייע דראַמע פון אונזער טאַ־לאַנטפולן קרעפטיקן דראַמאַטורג דוד פינסקי. קאָלעגע דוד פינסקי וועט בכלל שטיין נאָענט צום „אויפ־קום“. דאָס איז זיכער א גוטע בשורה פאַר אַלע אונזערע „אויפ־קום“־פריינט. צוליב פינסקי'ס דראַ־מע און צוליב אַנדערע פלענער וואָס דער „אויפקום“ האָט ווערט דער זשורנאַל פאַרגרעסערט פון 32 אויף 48 זייטן.

מיר האָבן צוזאמען מיט דער דראַ־מע באקומען פון קאָלעגע דוד פינסקי א בריוול. ער שרייבט:

ליבער חבר וויינפער!

איך האָב מיך געקליבן און גע־קליבן צו שרייבן צו אייך א בריוו, וועלכער זאָל זיין א גאַנצע אָפּ־האַנדלונג וועגן די באציאונגען פון די אידישע קינסטלער און שריי־בער צו דער אידישער ליטעראַטור און דעם אידישן שאַפן. ליידער האָב איך עס נישט געקאָנט דער־ווייזן. מיין גרעסערע ארבעט, מיין נייע דראַמע, האָט מיר די צייט דער־צו נישט געגעבן. שיק איך אייך א קליינעם קיצור פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. —

מיין טאַטע, אַז דאָס איז גוט, וואָס איינער פון אונז האָט זיך דערוואוסט אין צייט.

פ י נ י ע ו ו. אייערע ווערטער שמעקן מיט מיאוס'ן חשד, גענאָסע קאצענעלענסאָן.

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. זאָל אייך נישט קימערן, מיט וואָס מיינע ווערטער שמעקן, גענאָסע פיניעוו, אַבי איר זייט דערהויבן איבער יעדן חשד.

פ י נ י ע ו ו. וואָס זיינען דאָס פאַר־אַ ווערטער?

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איך בין מיט זיי נאָרנישט אויסן, כאָטש אין אַלגעמיין האַלט איך פון דעם כלל: „גיב אָפּ כבוד און זיי חושד“. האַלט איר נישט פון דעם כלל? אין דער באַוועגונג איז ער זייער נויטיק.

פ י י נ י ע ו ו. ניין, ווען איך בין חושד, גיב איך נישט אָפּ קיין כבוד. איך וועל עס אפשר טאָן, ווען איך וועל וועלן עמיצן נאַרן און ארויסקריגן פון אים, וואָס נויטיק. האָט איר עס אויך געוואָלט פון מיר?

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. נו, נו, נו, פיניעוו, איר גייט שוין צו ווייט. איך וואָלט נאָר געוואָלט באַמערקן, אַז איך האָב עס בכלל נישט ליב, אַז אונזער איינער האָט באַציאונגען מיט שפּיקעס.

פ י נ י ע ו ו. איר מעגט דאַנקען גאָט, אָדער דעם צופאַל, וואָס אונזער איינעם איז געלונגען אַרויסצוגעפינען, וואָס מען פּלאַנעוועט דאָרטן פאַר אונז. איצטער וועלן זיי קומען צום באַל און וועלן קיינעם נישט געפינען, און וועלן קומען אַהער צו מיר און וועלן מיך נישט געפינען.

ד ע ר ל אַ נ ג ע ר, ד ע ר ר ו י ט ע ר, ד אָ ר אַ. צו אייך?!

פ י נ י ע ו ו. יאָ, און נאָך היינט ביי דער נאַכט, אויב נישט באַלד.

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. (זייער אומרואיק, קוקט דערשראָקן אויף דער טיר.) גאָר אַזוי!

פ י נ י ע ו ו. דאָס מיינט פאַר מיר אָפּטראָגן זיך אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. איך האָב שוין אַלץ אָפּגערעדט מיט לפידות'ן.

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. דאָס הייסט, אַז מיר זאָלן זיך אויך אָפּטראָגן פון דאַנען.

פ י נ י ע ו ו. און וואָס שנעלער. אויב א י ר ווילט נישט קיין אונטערפירער.

ג ר י ש אַ. איך וואָלט געוואָלט זיי דאָ מקבל פנים זיין (נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער פון קעשענע) מיט מיין ברוונינג.

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן. איר טראָגט גאָר אַרום מיט זיך אַ ברוונינג? אַ שיינער שכל! ווען מען כאַפּט אונז איצטער דאָ מיט אייער ברוונינג... קומט! ווער גייט?

ד אָ ר אַ. (דערשראָקן און פאַרלעגן). איך — איך — גיי.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

פ י נ י ע ו ו. גייט, גייט אַלע. איך וועל דאָ נאָך מאַכן אַביסל אָרדנונג. און זייט מיר אַלע געזונט. מיר וועלן זיך באַלד מסתמא זען. און איך וועל אייך נישט לאָזן לאַנג אַליין אָן מיר.

ק א צ ע נ ע ל ע נ ס אָ ן (אי זטיר). זייט געזונט, פּיניעוו. (שנעל אָפּ.)

ג ר י ש א. ד ע ם איז דער שרעק אָבער שטאַרק אַריין אין די פּיס! (גיט פּיניעוו'ען די האַנט.) זייט געזונט, טייערער גענאָסע, און לאָזט אונז טאַקע נישט לאַנג וואַרטן אויף זיך (קושט אים.)

ד ע ר ר ו י ט ע ר. ניִשט'קשה, דער וואָלקן וועט זיך באַלד אַריבערטראָגן. און אויב נישט, זיינען מיר דאָך עפּעס אַלטע אונטערערדישע מייז... אויף ווידערזען, פּיניעוו! (קושט אים).

ד ע ר ל א נ ג ע ר. איך מיין אויך, דער וואָלקן וועט באַלד אַריבער. אָבער דערווייל האָבן זיי אונז קאַליע געמאַכט אונזער אָוונט — קאַליע זאָל זיי ווערן זייער לעבן! אויף ווידערזען, טאָוואַרישטש! (קושט אים.)

ד אָ ר א (מיט טרערן). בעסער זאָלן זיי זיך די קעפּ צעברעכן, די שדים, איידער זיי זאָל אייך קריגן. (פאַלט צו צו זיין האַנט און קושט זי.)

פּ י נ י ע ו ו (באַרואיקנדיק זי). נו, נו, זיי וועלן מיך נישט קריגן! זייט געזונט, חברים, און טוט אייער — אונזער ארבעט! (אַלע אָפּ.)

ש פ ר ה (אַליין איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט אין איר ווינקל).

פּ י נ י ע ו ו. (שטייט אַ ווײַלע רואיק, נאָכקוקנדיק די אַוועקגעגאַנגענע און ווערט באַלד באַשעפטיקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט נעמען צו זיין אַרבעט צו ברייגגען אַלץ אין אָרדנונג, און פּלוצלינג אַנטדעקט ער שפרה'ן אין איר ווינקל). ווי? איר זייט נאָך דאָ?

ש פ ר ה. יאָ, ווי איר זעט. איר האָט אפילו נישט באַמערקט, צו בין איך דאָ, צו בין איך אַוועקגעגאַנגען.

פּ י נ י ע ו ו. איר זייט געוועזן אַזוי שטיל די גאַנצע צייט. פאַרוואָס זייט איר געבליבן? איר האָט נישט קיין מורא?

ש פ ר ה. איך וויל מיט אייך צוזעגענען זיך — אַליין.

פּ י נ י ע ו ו. אַליין? (גייט צו צו איר.)

ש פ ר ה. יאָ. ווען קיינער איז דערביי נישטאָ.

ש פ ר ה (קוים אַרויסריידנדיק). איך וויל זיך מיט אייך צוקושן.

פּ י נ י ע ו ו. נו, פאַר וואָס נישט? פאַרוואָס נישט פאַר אַלעמען אין די אויגן? דאָס האָבן דאָך די אַנדערע אויך.

ש פ ר ה. (מיט צוגעמאַכטע אויגן, שווער אָטעמדיק). ניין, נישט אַזוי. נישט ווי די אַנדערע.

פּ י נ י ע ו ו. נישט ווי די אַנדערע? וואָס מיינט עס?

ש פ ר ה. (פאַלט צו צו זיינע הענט מיט געוויין). פּיניעוו!

די אָריענטאַציע פון דעם „אויפקום", ווי איך זע, איז די שאַפונג אין אידיש, דאָס אידישע וואָרט. אָבער דאָס „וואָרט, וואָס איז אויך טאַט", ווי ביאַלאָסטאָצקי דריקט זיך אוים אין זיין „צווישן ביכער און קאָלעגן" אין דער צווייטער נומער „אויפקום".

א פּאַרטיי און איר ציימונג קאָנען זיך דערלויבן צו ווען, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ווערט פאַר זיי אַרויסגעזאָגט, זאָל איינשליסן אין זיך נאָר די טאַט פון דער פּאַרטיי. זיי מוזן און דאַרפן עס אפשר וועלן און פאָדערן. זיי מוזן דינען זייער זאַך, פּראָפּאַגאַנדירן און פאַרשפּרייטן זייער טאַט. זיי מוזן קאָנצענטרירן אויף איר אַלע זייערע כחות און זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. דער קינסטלער, וועלכער איז אָנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי און און איר ציימונג, דאַרף אויף זיי קיין פאַריבל נים האָבן, ער קאָן זיך ענדליך צופרידנשטעלן מיט דער גרויסער אויפגאַבע, וועלכע ער האָט פאַר זיך: די „טאַט" פון זיין פּאַרטיי און די באַגייסטערונג פאַר דער „טאַט" אויפצוהייבן צו קונסט, צו געפינען פאַר איר דעם קונסט־אויסדרוק, דאָס קינסטלערישע בילד.

מיר האָבן ציימונגען און צייטשריפטן, וואָס זייער וואָרט איז די טאַט פון געשעפט און דאָלאַר און צירקולאַציע. דער אידישער קינסטלער, וועלכער וויל, אז זיין אידיש וואָרט זאָל זיין טאַט, פילט זיך היימלאָז, איז היימלאָז.

דער „אויפקום", וואָס זיין טאַט איז — קעמפן פאַר דאָס אידישע וואָרט, דאַרף דערפאַר ווערן א זאַמלפּלאַץ פאַר אונזערע קינסטלער און שריפטשטעלער, וועלכע זעען אין דעם אידישן וואָרט די ווייטערבויאונג פון אונזער קולטור.

איך בענש אייך אויף אייער וועג. דער „אויפקום" זאָל זיך פאַנאַנדערוואַקסן און גרוים ווערן און לאָזן זיך פילן אין אונזער לעבן.

איר קאָנט רעכענען אויף מיין מיטהילף. אלס באַווייז האָט איר מיין „איסאַק פּיניעוו, טראַגעדיע

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

פון דער רעוואלוציאָנערער ארבע־טערבאַוועגונג, אין פיר אַקטן״.

מיט בעסטן גרוס,

אייער,

ד ו ד פ י נ ס ק י.

2 סעפטעמבער, 1926.

קעמפ טאמימענט, פא.

באַמערקונג:

א דאנק פינסקי׳ן פאר׳ן בריוול, פאר דער דראמע און פאר זיין ברכה. מיר ווייסן ניט אויף וויפיל עס קען דעם קינסטלער געלינגען אויפ־צוהויבן א פארטיי צו קונסט; איין זאך אָבער איז אונז קלאָר און פינסקי — ווי מיר זעען פון זיין בריוול — וועט מיט אונז מסכים זיין, אז ארייגפירן „פארטיי״ קלייזלדיקיים (צוליב כלומרשט נייע ריכטונג) אין קונסט איז א צרה. האָבן מיר בא אונז געהאט זשורנאלן און גרופן וואס נאָך אלע „הויכע ווערטער״ איז געווען — און איז זייער לאָזונג: מיינע פאָעטן, מיינע דערציילער, מיינע חברים, מיין דור און — „נאָו מאָר!״...

אָט געגן דעם גייסט שטייט דער „אויפקום״ זייער שטארק. די געמאכטע און ניט־געזונטע קלייזלדיקייט אין קונסט איז אונז דער־ווידער. דער „אויפקום״ זעט ווי קאָלעגע פינסקי אי ן דעם אידישן וואָרט די „וויטערבויאונג פון אונזער קולטור״, און שטרעבט צו שאפן א זאמעל־פלאץ פאר קינסט־לער און שריפטשטעלער וואס ניט נאָר דיכטן זיי, שאפן זיי, נאָר זיי ווילן בכלל „זיך לאָזן פילן אין אונזער לעבן״.

„אויפקם״.

ראובן לודוויק

מיטוואָך, דעם ערשטן סעפטעמ־בער, 1926 איז אין קאליפארניע געשטאָרבן דער יונגער זייער טא־לאַנטפולער פאָעט ראובן לודוויק. די טרויעריקע בשורה האָבן מיר געקראָגן ערשט פריוטיק אויפ׳ן דריטן טאָג נאָך זיין טויט. די זון, וואָס האָט יענעם טאָג געשיינט פאַר

פ י נ י ע ו ו. וואָס איז אייך, טאָווארישטש?

ש פ ר ה (נאָך א לאַנגן שווייגן, געפאַסט, מיט געענדערטער שטימע). האָט איר גאָר קיינמאָל גאָרנישט באַמערקט?

פ י נ י ע ו ו. וואָס?

ש פ ר ה. (שרייט אוי מיט א סך שמערץ און לײדנשאַפט). איך ליב דאָך אייך!

פ י נ י ע ו ו. איר ליבט מיך?

ש פ ר ה. אָההה!

פ י נ י ע ו ו (מיט אַן אָנגערוקטער מינע, שטרייענג). פאר־ליבט זיך גאָר אין מיר!

ש פ ר ה. האָט איר דען גאָר קיינמאָל נישט געזען, ווי איך קוק אויף אייך? האָט איר גאָר קיינמאָל מיין בענקעניש נישט באַמערקט? האָט איר נישט געפילט, ווי איך רייד צו אייך?

פ י נ י ע ו ו. ניין, קיינמאָל נישט, וואָס האָבן מיר דען גערעדט? האָבן מיר דען פון ליבע גערעדט? פון ליבשאַפט? וואָס זיינען געוועזן אונזערע געשפרעכן? איך ווייס נאָר איין זאך: אונזער קאמף. פון אים האָב איך צו אייך גערעדט. פון דעם קאמף פון די ארבעטער פאר זייער באַפרייאונג. וואו איז געוועזן פלאַץ צו פארליבן זיך?

ש פ ר ה. איר זעט׳אָך, עס —

פ י נ י ע ו ו (איבעררייסנדיק זי). ניין, ניין, דאָס האָט איר נישט געדאַרפט!...

ש פ ר ה. דאָס האַרץ האָט נישט געפרעגט, עס —

פ י נ י ע ו ו. פארליבן זיך גאָר! מיר ריידן פון קאמף, פון ליידן, פון אָפפער — וואָס גאָר פלוצלונג פארליבן זיך? דאָס הארץ און דער קאָפּ און די אויגן דאַרפן אלע געווענדט זיין אויף איין פונקט. דאָס איז דאכט זיך, וואָס איך האָב שטענדיק גע׳טענה׳ט. ווי אַזוי האָט איר זיך גאָר געקאָנט פארליבן? דאָס הייסט דאָך, אָפּגעווענדט זיך פון דעם איין פונקט, פון דעם הויפּטפונקט. דאָס הייסט, נישט געוועזן גאַנץ אין אונזער קאמף, האַלב געוועזן אין אים, געוועזן אין אים אָן האַרץ. ווייל דאָס האַרץ איז אוועקגעגעבן געוואָרן אויף ליבשאַפטן, פארליבעניש. דאָס הייסט... דאָס הייסט...

ש פ ר ה. ניין, ניין, איך האָב ערלאַך געדינט אונזער קאמף. איך בין אים געוועזן טריי און איבערגעגעבן, און בין עס אים. איך קאָן מיין לעבן אוועקגעבן פאר אים.

פ י נ י ע ו ו. (זייער שטרייענג, דונערט אַרויס). איר וועט מיך נישט איינשמועסן! מען קאָן נישטביידע זאכן. זייט איר געוועזן פארליבט און האָט געבענקט, האָט איר מער נישט געקאָנט זיין אַנטשלאָסן. איצטער פארשטיי איך, פארוואָס מיר זיינען דורכגעפאלן, פארוואָס פון דער רעוואָלוציע האָט זיך גאָרנישט אויסגע לאָזן. מיר האָבן געטאָן האַלבע ארבעט, מיר האָבן זי געטאָן מיט א האַלבן האַרץ אָדער גאָר אָן האַרץ, ווייל דאָס האַרץ

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

איז אוועקגעגעבן געוואָרן אויף שדים וויסן וואָס (שרייט אויס.) פאַר וואָס האָט איר זיך פאַרליבט? איר?! איך האָב אייך געהאַלטן פאַר דער בעסטער מיטאַרבעטערין. ווי אַזוי האָט איר דאָס צוגעלאָזן צו זיך?!

ש פ ר ה. איר זעט דאָך. דאָס האַרץ האָט נישט געפרעגט. דאָס ליבע־געפיל איז אַריין אין אים ווי אַ גנב. פּאַמעלאַך און שטיל און מיט קליינע שריט. און פּלוצלונג — עס איז דאָ. אָבער איך בין דאָך געוועזן די בעסטע מיטאַרבעטערין. איר האָט עס איצטער אַליין געזאָגט. מיין ליבע האָט מיר נישט געשטערט. האָט מיר נאָך געהאָלפן, אונטערגעטריבן מיך. און וועט מיר ווייטער אויך נישט שטערן.

פּ י נ י ע ו ו. ניין, שלעכט, שלעכט.

ש פ ר ה. מילא, פּאַרפאַלן. זי איז שוין דאָ. איך ליב אייך. און איר דאַרפט זיך איצטער אָפּטראָגן, אַנטלויפן. וויל איך, איר זאָלט עס וויסן. וויל איך זיך מיט אייך צעזעגענען און צעקושן אַנדערש, ווי די אַנדערע. איך וויל אויסלעבן אין דעם קוש מיין גאַנץ געפיל, און דערנאָך וועל איך אַוועקגיין און וועל בענקען נאָך אייך און וועל טאָן מיין אַרבעט מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנהייט און מיט מיין גאַנצן מוט... פּיניעוו, פּיניעוו, נעמט מיך גוט אַרום... (קלאַפּן אין טיר. ביידע בלייבן ווי פאַר־גליווערט, קוקן זיך איבער און ווענדן די אויגן צו דער טיר. דאָס קלאַפּן חזרט זיך איבער. פּיניעוו רייסט זיך אָפּ פון זיין אָרט, גייט צו דער טיר און עפנט זי אויף.)

ב י י ל ע (קומט אַריין. אַ פרוי אין פּיניעוו׳ס עלטער, אָבער מיט אַ סך גרויע האָר אונטער איר היטעלע).

פּ י נ י ע ו ו. (דערקענט נישט די אַריינגעקומענע אין ערשטן אויגנבליק; ווען ער דערקענט זי, מאַכט ער אַ טריט צוריק, רוקט אָן זיין שטערן און רעדט הייזעריק אַרויס). וועמען ווילט איר?

ב י י ל ע (געבראָכן, מיט געבעט). אייזיק!

פּ י נ י ע ו ו. איר האָט געמוזט אַ טעות האָבן אין דעם אַדרעס.

ב י י ל ע. ניין, איך האָב שוין קיין טעות נישט געהאַט. דו הייסט איצטער איסאַק פּיניעוו, אָבער דו ביסט אייזיק שעפּטל. מיין אייזיק, און איך בין דיין ווייבביילע.

פּ י נ י ע ו ו. איר האָט אַ טעות, איך קען אייך נישט.

ב י י ל ע. אַז דו האָסט מיך געקאָנט נישט דערקענען, דאָס וועל איך שוין גלויבן, ווייל די צרות האָבן מיך אַלט און גרוי געמאַכט. אָבער אַז דו קענסט מיך נישט. ווען איך האָב דיר געזאָגט, ווער איך בין, דאָס איז נישט אמת. אפשר פאַר דער באַרישנע אין די אויגן —

ש פ ר ה. איך גיי אַוועק.

פּ י נ י ע ו ו. איר וועט נישט אַוועקגיין, טאָוואַרישטש

פּירציק

אַלעמען אין נויאָרק האָט זיך פאַר־צויגן מיט שוואַרצן פאַר אַלע זיינע פריינט און קאָלעגן.

זייענדיק די לעצטע יאָרן פאַר־בונדן מיט דער אָפּגעזונדערטער, קענעפּנדיקער גרופּע „אינזיכיסטן“, האָט ער דאָך מיט קיינעם קיינמאָל זיך נישט געקריגט. אים איז געווען טייער די גאַנצע אידישע ליטעראַטור און ער האָט זיך באַ־צויגן מיט דער האַרציקסטער ליבע צו יעדן שריפטשטעלער וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר טאַלענטפול.

אַלע אידישע שריפטשטעלער טרויערן אויף לודוויק׳ס פריצייטיקן טויט. זיין נאָמען וועט לעבן צווישן אונז און זיינע לידער וועלן לעבן פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונז.

מיר בויגן טיף, טיף אונזערע קעפּ צו דעם פרישן בערגל ערד איבער דיר, טייערער, טייערער ראובן לודוויק.

די ערעפענונג פונ׳ם אידישן טעאַטער סיזאָן

דאָס אידישע טעאַטער שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינ׳ם אידישן לעבן פון אַמעריקע. שוין נישט רעדנ־דיק פון די עטלאַכע בעסערע טעאַ־טערס, וואָס זיינען אַ דירעקטע מיט־הילף צו דערהויבן די ליבע און דרך ארץ צום אידישן וואָרט, נאָר אפילו די אַנדערע טעאַטערס, וואָס זינדיקן אונטער מיט שלעכטע פּיעסן און געשמאַקלאָזע אויפפי־רונגען, האָבן זייערע פאַרדינסטן דערמיט וואָס זיי זיינען די ציל־ברעטער פאַר די קוילן, וואָס מען שיסט אין זיי אינ׳ם קאַמף פאַר אַ בעסערן אידישן טעאַטער.

„דער „אויפקום“ וועט נעמען אַ לעבעדיקן אינטערעס אינ׳ם היגן אידישן טעאַטער. דאָס גוטע וועט געלויבט ווערן און דאָס שלעכטע וועט געטאַדלט ווערן אָן רחמנות.

דערווייל האָבן מיר געהאַט אַ שמועס מיט עטליכע פון אונזערע שטערן און דירעקטאָרס און דער איינדרוק איז׳ פאָלגנדיקער:

מאָריס שוואַרץ, וואָס מוז נאָך דער־

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

קונין. די פרוי איז מיר אבסאָלוט א פרעמדע. דאָס איז דער ריינער אמת.

ב י י ל ע (שרייט אויף). אייזיק!!

פ י נ י ע ו ו. אייזיק — אייזיק שעפטל איז שוין לאנג טויט. ער האָט שיכורערהייט אויפגעגעסן מיט זיבן יאָר צוריק דעם מישיאַק, וועלכער איז געשטאַנען פאַר די מייז, און איז געשטאָרבן.

ב י י ל ע. דו ביזט נישט געשטאָרבן.

פ י נ י ע ו ו. פאַר דער וועלט — פאַר דער וועלט, אין וועלכער אייזיק שעפטל האָט פריער געלעבט, איז ער געשטאָרבן. איינער פון הונדערט טויזנט ווערט אָפּגעראַטעוועט נאָך אזא פּאָרציע מישיאַק. אייזיק שעפטל איז געוועזן אָט דער איינער. א נס איז מיט אים געשען. ער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. ער איז אויפגעשטאַנען צו א נייעם לעבן. ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. ער איז ווידער געבאָרן געוואָרן. דער נס, וועלכער איז מיט אים געוועזן, איז זיין נס. פאַר די איבריקע וועלכע האָבן זיין פריערדיק לעבן אזוי ביטער און פינסטער געמאַכט, איז דער נס נישט געשען. פאַר זיי איז ער געשטאָרבן.

ב י י ל ע (געבראָכן, מיט טרערן). איך ווייס, אַז איך האָב דיין לעבן ביטער און פינסטער געמאַכט. מיר איז דאָס געוואָרן קלאָר, ווען דו ביזט געלעגן אין האָספּיטאַל צווישן לעבן און טויט. און נאָך קלערער, ווען דו ביזט פאַרשוואונדן.

פ י נ י ע ו ו. אייזיק שעפטל איז געשטאָרבן.

ב י י ל ע. דו ביזט געזונט געוואָרן און פאַרשוואונדן. איך האָב געוואָלט גיין אין האָספּיטאַל ברייננען דיך א־היים. אָבער איך בין בעסער געבליבן אין דער היים, אויסגעוואַשן און אויסגערייניקט יעדעס פּיצעלע, אויסגעוואַשן און אָנגעטאָן ריין די קינדער, און אליין זיך אויך שיין געמאַכט — — אַז דו וועסט קומען א־היים, זאָלסטו זען, אַז איך האָב פאַרשטאַנען דיין טראַגעדיע, און איך וועל פון היינט אָן און ווייטער זיין אַן אַנדערע, א העלפערין, א פאַרשטייענדיקע און מיטפילנדיקע. איך וועל דיר שוין נישט שטערן, ווען דיר וועט איינפאַלן צו מאַכן א מאַשינקע. וועל נאָך צוזען, אַז קיינער זאָל דיר נישט שטערן. אָט מיט די געדאַנקען האָב איך געזען מאַכן דיין היים אזוי אַנגענעם ווי מעגלאַך, ווען איך האָב געוואַרט אויף דיר פון האָספּיטאַל. אָבער א שעה איז אַריבער נאָך א שעה, און דו ביזט נישט געקומען.. בין איך געלאָפן אין האָספּיטאַל, און דאָרטן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דו ביזט שוין לאַנג אַוועק, מיט שטונדן צוריק. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נייע זוכעניש, ווי אין יענעם טאָג, ווען דו ביזט פאַרשוואונדן פון גאַלדינס ווערקשטאַט, נאָכדעם ווי דו האָסט צעבראָכן דיינע מאַשינעס. מי'ט אַרומגעזוכט לאַנג, ביז מי'ט באַשלאָסן, אַז דו האָסט זיך מסתמא דערטרונקען אין טייך, און דער טייך האָט דיך אַוועקגעטראָגן — —

ווייל אָפּריכטן גלות אינ'ם ברוקלי־נער אַמפּיאָן טעאַטער, גרייט זיך

מאָריס שוואַרץ — קונסט טעאַטער

אָבער צו מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד צו דער ערעפענונג פון זיין

בן־עמי — נייער קונסט טעאַטער.

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

פ י נ י ע ו ו. איז אייזיק שעפטל דאָפּלט געשטאָרבן.

ב י י ל ע. אָבער גראָד איז אָנגעקומען דער גט וועלכן דו האָסט מיר געשיקט.

פ י נ י ע ו ו. אייזיק שעפטלס לעצטע באַציאונג צו זיין אַלטער וועלט. ער האָט נישט געוואָלט, זיין פרוי זאָל ארומגיין אַן עגונה. דאָס האָט ער געטאָן אין אַ שוואַכער מינוט. ער איז נאָך נישט געוועזן גאַנץ געשטאָרבן, אָדער גאַנץ נייגעבאָרן. דער גט איז אויסגעמאַכט געוואָרן, איידער איך בין אוועק פון האָס־פּיטאַל. ווען אייזיק׳ס פרוי וואָלט געקומען נאָך אים, וואָלט זי געקראָגן פון אים דעם גט. זי איז נישט געקומען, האָט ער איר אים אָפּגעשיקט מיט אַ שליח.

ב י י ל ע. אָבער איך האָב דעם גט נישט אָנגענומען.

פ י נ י ע ו ו. אייזיק שעפטל האָט זיין שולדיקייט געטאָן. מיט דעם רואיקסטן געוויסן איז ער אוועק פון זיין אַלטן לעבן.

ב י י ל ע. איך האָב דיך יעמאָלט געהאַט באַגריפן און פאַר־שטאַנען, און באַשלאָסן אַן אַנדערע צו ווערן.

פ י נ י ע ו ו. צו שפּעט.

ב י י ל ע. איך האָב זיך פאַרשוואָרן, אַז קיין קללה זאָל נישט אַריבערגיין איבער מיינע ליפּן, און גוט און פול ליבע זאָל איך דערציען דיינע קינדער, וועלכע וועלן דאַרפן זיין דער בעס־טער באַווייז, אַז איך בין געוואָרן אַן אַנדערע. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אין אונזער שטאָט די אַרבעטער־באַוועגונג —

פ י נ י ע ו ו (קוקט אויף). ווי?

ב י י ל ע. אָה, איך האָב אַ סך געלערנט! איך בין גע־וואָרן אַן אַרבעטאָרין אום צו דערנערן זיך מיט די קינדער — בין איך באַלד געוואָרן אַן אָרגאַניזירטע. איך האָב דערקענט דעם אמת׳ן שונא, וועלכער האָט אונז רואינירט, וועלכער האָט דיך דערדריקט, וועלכער האָט אונז צוריסן. איך האָב אַזוי קלאָר באַגריפן, וואָס דו וואָלסט געקאָנט ווערן אונטער אַנדערע אומ־שטענדן, ווי דו וואָלסט אויסגענוצט דיין טאַלאַנט אַלס דערפינ־דער, ווי גרויס דו וואָלסט געוואָרן. איך האָב עס דאָך שטענדיג געפילט, איצטער איז עס מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער קאַפּיטאַ־ליזם האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל קיין ערגערן שונא נישט געהאַט ווי מיך.

פ י נ י ע ו ו. דאָס פרייט מיך צו הערן. אָבער דאָס האָט מיט מיר אַלס פּערזאָן נישט וואָס צו טאָן. וואָס זייט איר גע־קומען צו מיר?

ב י י ל ע. איך האָב דאָך נישט אויפגעהערט צו לעבן מיט דעם געדאַנק, אַז איך וועל דיך נאָך געפינען.

פ י נ י ע ו ו. ווי אַזוי איז אייך איינגעפאַלן, אַז פיניעוו איז אייזיק שעפטעל?

ב י י ל ע. אַ צופאַל. אַ גרופּנבילד באַ אַן אָנגעפאָרענעם טאָוואַרישטש. איך בין געוועזן אַזוי איבערגליקליך, וואָס דו

נייעם קונסט־טעאטער, וואָס וועט פאָרקומען אין אָקטאָבער.

— דער נייער קונסט טעאטער — האָט אונז שוואַרץ פייערלאַך פאַרזי־כערט — וועט זיין אַן אמת׳ער אי־דישער קונסט טעמפּל. אין דער לאַ־בי וועלן שטיין סקולפּטורן פון די גרעסטע אידישע דראַמאַטורגן און שריפטשטעלער און אויף דער בינע וועלן אויפגעפירט ווערן די בעסטע פּיעסן פונ׳ם אידישן און אייראָ־פּעאישן רעפּערטואַר.

ענלאַכע הבטחות האָבן מיר גע־קראָגן פון מענדל עלקין אינ׳ם נאַ־

מאָלי פּיקאָן, 2טע עוו. טעאטער.

מען פון בן עמי׳ן, וועלכער פאַר־וואַנדלט דעם „אוירווינג פּלייס“ טעאַטער אין אַ אידישן קונסט טעאטער.

בן־עמי, וואָס האָט גרויסע פאַר־דינסטן פאַר׳ן אַריינפירן די בעסע־רע אידישע פּיעסע אינ׳ם אידישן טעאטער, האָט עטלאַכע יאָר גע־שפּילט אויף דער ענגלישער בינע מיט באַדייטנדן ערפאָלג, איצט האָט ער זיך אומגעקערט צו אונז און מיר ערוואַרטן פון אים זייער אַ סך.

וואָס איז שייך די אידישע אָפּע־רעטן טעאטערס, האָט אונז יעקב קאַליך פאַרזיכערט, אַז ער באַמיט זיך מיט אַלע מעגלאַכקייטן צו דער־

הויבן די אידישע אפערעטע אויף
אַ העכערע מדרגה, ווי זי איז גע־
ווען ביז איצט.

סעמועל גאָלדנבורג, נעש. טעאטר

דער שוישפילער און רעזשיסער
יעקב קאַליך, וואָס האָט אין זיין
טעאטער אזעלכע צוויי באדיטנאָע
קרעפטן ווי מאַלי פיקאן און רומ־

מ. ראָדאַנאָוו, נעשאָנעל טעאטער

ביזט געוואָרן א בארימטער ארבעטער־פירער, און עס האָט מיך אזוי געפרייט, וואָס איך וועל דיר נישט זיין קיין פרעמדע אין דער באוועגונג, און האָב מיך אוועקגעלאָזן אין וועג. בין איך היינט אָנגעפאָרן און געוועזן אויפ'ן באל, ווען דו ביזט געקומען, און דערנאָך בין איך דיר נאָכגעגאנגען.

פ י נ י ע ו ו. אומזיסט.

ב י י ל ע (מיט געבעט) אייזיק!

פ י נ י ע ו ו. אייזיק שעפּטעל איז טויט. איינמאָל פאר אלעמאָל. אלע פעדים, וועלכע האָבן אים צוגעבונדן צו זיין אלטן לעבן, זיינען איבערגעריסן געוואָרן. ער איז נישט נאָר אין נאָמען, נאָר טאקע אין דער נשמה און אין דעם גאנצן וועזן אן אנדערער געוואָרן. פיניעוו וועט קיינמאָל מער נישט ווערן אייזיק שעפּטעל. ווילט אים נישט אומקערן צוריק. אייך וועט עס נישט געלינגען. אייזיק שעפּטעל איז געשטאָרבן. געשטאָרבן פאר זיין פרוי, געשטאָרבן פאר זיינע קינדער.

ב י י ל ע. אויך פאר זיינע קינדער?

פ י נ י ע ו ו. אויך פאר זיינע קינדער.

ב י י ל ע. זאָג זיי עס.

פ י נ י ע ו ו. ווי?!

ב י י ל ע. (אין טיר). נישינקע, עלינקע, קומט אריין.

פ י נ י ע ו ו (שטרענג). צו וואָס?

נ י ש נ ק ע און ע ל י נ ק ע (קומען אריין. נישינקע איז א מיידל פון א יאָר 11-12, עלינקע א אינגל פון א יאָר 8. ביידע אָרים, אָבער ריין און ציכטיג אָנגעטאָן, האלטן זיך פאר די הענט און בלייבן שטיין פארלאָרן בא דער טיר, נישט קאָנענדיג פאר שרעק און פארלאָרנקייט אויסצורעדן דאָס וואָרט, וואָס רייסט זיך פון צווישן זייערע ציינער — דאָס וואָרט „„טאטע"", וואָס זיי שעפּטשען פאר זיך).

פ י נ י ע ו ו (איז א מאָמענט גערירט, באהערשט זיך אָבער שנעל. צו ביילע'ן). צו וואָס, טאָווארישטש, די קאָמעדיע?

ב י י ל ע (קוקט אים א ווײַלע אָן, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און רעדט קוים ארויס). קומט, קינדער!

פ י נ י ע ו ו (צו די קינדער). איר זייט נאָך קליין, אָבער אפשר וועט איר פארשטיין. אייער פאָטער אייזיק שעפּטעל איז געוועזן אן אָרימער ארבעטער מיט א גרויסן־דערפינדער־טאלאנט. אָבער די לאגע פון אן אָרימען אויסגעבויטעטן ארבעטער האָט אים דערדריקט. ווען עס פלעגט אים איינפאלן א מאשין, פלעגט ער צו דער ארבעט נישט גיין און ארבעטן אויף זיין איינפאל, און דורך דעם פארגרעסערן די אָרימקייט. ער האָט געהאט די משוגעת צו ליבן זיינע דערפינדונגען און נישט געקאָנט זיך מיט זיי צושיידן, פלעגט ער זיי פארקויפן פאר קליין געלט דעם באלעבאָס, בא וועלכן ער האָט געארבעט. אָבער איינמאָל האָט עס אים אזוי צוגעדריקט, אז ער האָט צובראָכן זיינע מאשינעס

און דעם ווערקשטאט, אַנגע׳שיכור׳ט זיך און אויפגעגעסן א גרויסע פּאָרציע מישיאק.

ב י י ל ע. זיי ווייסן דאָס אלץ. איך האָב זיי דאָס אלץ דערציילט. איך דערצי זיי אלס קעמפער, וועלכע זאָלן נקמה נעמען פאר זייער פאָטער.

פּ י נ י ע ו ו. גוט. אייער פאָטער איז פון דעם מישיאק געשטאָרבן. דער מאן, וועלכער שטייט פאר אייך, איז א גאנץ אנדער מאן. ער ווייס נישט פון קיין זאך אין לעבן, ווי נאָר דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון די ארבעטער. איר באַגרייפט: ער האָט דעם טויט געזען. ער איז פון טויט אויפגעשטאנען. דאָס פריערדיגע איז אין אים אָפּגעשטאָרבן, און ער האָט פון לעבן קיין שום פארלאנגען נישט מער. איז עס אייך נאָך שווער צו פארשטיין, וועט איר עס שפּעטער פארשטיין. ווייסט נאָר, אז מיר לעבן אין אומשטענדן, וועלכע טרייבן דעם ארבעטערקלאס צום אונטערגאנג, ווי זיי האָבן געטריבן אייער פאָטער צום טויט. זיי מוזן אָפּגעשאפט ווערן. זייט טרייע קעמפער פאר דער אָפּשאפונג פון די דאָזיגע אומשטענדן. איצטער גייט.

ג י ש י נ ק ע און ע ל י נ ק ע. טאטע!

פּ י נ י ע ו ו (טרויעריק). איר האָט מיך נישט פארשטאנען.

ב י י ל ע. קומט קינדער. (מיט א בליק פול ביינקעניס, קוים איינהאלטנדיק די טרערן, גייט זי צו דער טיר מיט די קינדער).

פּ י נ י ע ו ו. איין מאָמענט.

ב י י ל ע און ד י ק י נ ד ע ר (בלייבן שטיין און קוקן צו אים ארויף פול האָפנונג).

פּ י נ י ע ו ו. דער אלטער — לעבט נאָך?

ב י י ל ע. ניין, טויט. גלייך נאָך דיין פארשווינדן האָב איך אים אריינגעגעבן אין הקדש. —

פּ י נ י ע ו ו. גוט... גוט... (קערט זיך אָפּ).

ב י י ל ע און ד י ק י נ ד ע ר (שטייען א מאָמענט און גייען לאנגזאם ארויס).

פּ י נ י ע ו ו (גייט זיך דורך איבער׳ן צימער). איך האָב געהאט א טאטן. איז ער געווען משוגע. זיין משוגעת איז באַשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט אלץ חזרן: „די ערד איז געשטאָרבן, דער הימל איז געשטאָרבן, גאָט איז געשטאָרבן, אלץ טויט“. איצטער איז ער אויך טויט. און זיין זון וואָלט געוואָלט ארבעטן אזוי, אז די טויטע ערד זאָל צוריק לעבעדיק ווערן. וואָס זאָגט איר, טאָווארישטש קונין?

ש פּ ר ה (איר געזיכט אין די הענט). מיר שווידערט פון אייך! שרעקליך!

פּ י נ י ע ו ו. דאָס איז גוט. וועט אייך אויסקורירן.

ש ב פּ ר ה. אָבער איצטער ליב איך אייך מער ווי ווען עס איז.

פיר און פירציק

שינסקי, וואָלט באמת געקאָנט זייער אַ סך אויפטאָן. רומשינסקי איז א טאַלאַנטפולער מוזיקער און מאלי פּיקאָן איז היינט צו טאָג איינע פון אונזערע גרעסטע אקטריסעס, און וואָלט נאָך קאַליך אריינגעבראַכט די בעסערע אפּערעטע וואָלט דאָס צווייטע עווענין טעאטער געקאָנט ווערן דער שטאָלץ פונ׳ם אידישן טעאטער אין אמעריקע.

דזשייקאָב דזשייקאָבס, נש. טעאטער

א גרויסן אויפטו האָט היינטיקס יאָר אויפגעטאָן דער נייער דירעקטאָריום פונ׳ם „נעשאָנאל“ טעאטער. זיי פירן אויף דעם „סטודענטן פּרינץ“, וואָס איז געגאנגען מיט גרויס ערפאָלג אַ לאַנגע צייט אויף בראָדוויי.

דער שרייבער פון אָט די שורות האָט בייגעוואוינט אַ רעפּעטיציע און איז אַרויסגעגאַנגען אַ באַגייסטערטער סיי פונ׳ם שטיק און סיי פונ׳ם וועג, ווי די אויפפירונג ווערט צוגעגרייט.

דער זינגער מיכאעל ראדאנאף, וואָס איז ספּעציעל אנגאזשירט געוואָרן פאַר דער ראָלע פונ׳ם פּרינץ איז אן אמת׳ע איבערראַשונג.

אגב, האָבן מיר א פאַרדאַכט, אז זיין אמת׳ער נאָמען איז נישט ראַדאנאף. סיי זיין שטימע און סיי

פּ י נ י ע ו ו. דאָס איז נישט גוט. דאָס דאַרפט איר נישט.

ש פ ר ה. אויך דאָס ווייס איך איצטער מער, ווי ווען עס איז.

פּ י נ י ע ו ו (ווי אויפגעוואכט). איר וועט מיר העלפן פאַרפּאַקן זיך, יאָ?

ש פ ר ה. ווי איר ווילט.

פּ י נ י ע ו ו. יאָ, איר וועט מיר העלפן. איך האָב שוין א סך צייט פאַרלאָרן. (שלעפּט ארויס א טשעמאָדאַן פון אונטער דער סאָפע, נעמט ארויס פון שראַנק בגדים, וועש, פּאַפּירן, ביכער, בלייבט אָבער פּלוצלונג שטיין אין זיין ארבעט). איר ווייסט, די גאַנצע צייט קאָן איך נישט פאַרגעסן קאַצענעלנסאָנען.

ש פ ר ה. וואָס איז?

פּ י נ י ע ו ו. איז דאָס געוועזן די גאַנצע צייט זיין באַציאונג צו מיר — אַט דאָס כבוד אָפּגעבן און חושד זיין? איז דאָס געוועזן אַלעמענס באַציאונג?

ש פ ר ה. אַך, וואָס! אים איז עס אויך ערשט איינגעפאַלן.

פּ י נ י ע ו ו. ווי קומט ער דערצו? וואָס האָט אים געקאָנט ברענגען אויף אַזא געדאַנק? מיט וואָס האָב איך עס פאַראורזאַכט?

ש פ ר ה. מיט אייער באַנעמען זיך. אייער גרויסע אָפּגעזונדערטקייט פון אַלע לעבנספריידן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר איבערגעטריבענע צידקות, הינטער וועלכער מען וויל אָפּט עפּעס באהאַלטן.

פּ י נ י ע ו ו. דאָס האָט ע ר אַזוי געזאָגט?

ש פ ר ה. מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן אייך, וועגן אייער שווארצן העמדל, אייער נישט-שמייכלען. אייער באַלעבאָסטע האָט נישט דערלויבט אונז צו טרינקען בא אייך אין צימער. —

פּ י נ י ע ו ו. איצטער דערמאַן איך זיך: איר זייט געוועזן אַזוי אויפגערעגט, ווען איך בין אריינגעקומען.

ש פ ר ה. עס האָט מיך פאַרדראָסן.

פּ י נ י ע ו ו. וואָס?

ש פ ר ה. דער גאַנצער געשפּרעך.

פּ י נ י ע ו ו. איר'ט אים געפירט מיט קאַצענעלסאָנען, און קאַצענעלסאָן האָט אייך אויפגערעגט.

ש פ ר ה. איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס ער איז געקומען מיט אונז צו נעמען אייך צום באַל.

פּ י נ י ע ו ו. ער האָט קיינמאָל מיין שוועל נישט אריבערגעטראָטן. היינט האָט ער געפונען די געלעגנהייט. ער איז געקומען — איך וויל נישט זאָגן: שפּיאָנירן. ער איז געקומען זען, ווי איך וואוין...

ש פ ר ה. דאָס גלויב איך נישט.

פּ י נ י ע ו ו. דאָס איז אַזוי, טאָוואַרישטש קוניז. האָט ער אייך געענטפערט אויף אייער וואונדערן-זיך?

דער וועג, ווי ער זינגט מאַכן אונז צום דיינקען, אַז דאָס באהאַלט זיך

לוסיע גערמאַן, האָפּקינסאָן טעאַטער

אַן אָפּערא אַרטיסט מיט א זייער באַרימטן נאָמען.

מיר האָבן אויך געזען מישא גערמאַן, וועלכער איז שוין דעם צווייטן סעזאָן דער דירעקטאָר פון דעם האָפּקינסאָן טעאַטער אין

מישאַ גערמאַן, האָפּקינסאָן טעאַטער

ש פ ר ה. ניין.

פ י נ י ע ו ו. זעט איר!

ש פ ר ה. איך קאָן מיר עפּעס נישט גלויבן.

פ י נ י ע ו ו. מיין שווארץ העמדל, מיין נישט־שמייכלען, מיין פארבאָט צו טרינקען אין מיין צימער — דאָס אַלץ האָט אויפגעוועקט א חשד. —

ש פ ר ה. אָ, נישט קיין חשד!

פ י נ י ע ו ו. איר ווייסט איצטער, פארוואָס איך האלט זיך אזוי.

ש פ ר ה. יאָ!

פ י נ י ע ו ו. די אנדערע ווייסן אָבער נישט, און יעדער מוז האלטן מיין באַנעמונג פאר איבערטריבענע צידקות, הינטער וועלכער מען וויל עפּעס באהאלטן.

ש פ ר ה. קיינער נישט!

פ י נ י ע ו ו. דאָך, דאָך. און איצטער קומט־צו דער פאל, וואָס אי דהאָב דערגאַנגען די פּלענער פון דער זשאַנדארמעריע.

ש פ ר ה. וואָס פארטראכט איר?

פ י נ י ע ו ו. איך פארטראכט גאָרנישט. איך זע נאָר קלאָר.

ש פ ר ה. וואָס זעט איר קלאָר?

פ י נ י ע ו ו. וואָס איך האָב צו טאָן. (זעצט זיך).

ש פ ר ה. איר'ט זיך דאָך געוואָלט פּאקן.

פ י נ י ע ו ו. פאלט אייך נישט איין, אז דער מענש קאַצענעלסאָן קאָן לאָזן וויסן אין פארשידענע ערטער, אז אָט דער צדיק אין פעלץ איסאַק פּיניעוו האָט באַציאונגען מיט דער פּאָליציי — זייט פאָרזיכטיק מיט אים!

ש ר פ ה. מיר פאלט עס ניט איין, און ער וועט עס נישט טאָן.

פ י נ יע ו ו. איר קענט גיין, טאָוואַרישטש!

ש פ ר ה. און איר?

פ י נ י ע ו ו. איך וועל בלייבן דאָ.

ש פ ר ה. און לאָזן זיך ארעסטירן?!

פ י נ י ע ו ו. דאָס איז נויטיג. מיך וועט איצטער אומעטום פארפּאָלגן אָט דער חשד פון די גענאָסן. איך מוז מיך באפרייען דערפון.

ש פ ר ה. ווי?

פ י נ י ע ו ו. דורך ליידן.

ש פ ר ה. וואָס רעדט איר?!

פ י נ י ע ו ו. אסטראָג און סיביר, געווים אויך זשאַנדארמישע קולאַקעס און נאַגייקעס. אייזיק שעפּטל פּיניעוו מוז אויסשעפּן די פּראָלעטארישע ליידן אין זייער גאַנצער פולקייט. אזוי איז עס ריכטיק.

ברוקלין. לעצטן יאָר האָט ער א חוץ אפּערעטן און מעלאָדראַמעס אויך אויסגעפירט א רייע פּיעסן פון אונזערע טאַלאַנטפולע דראַמאַטורגן, ווי הירשביין, קאָברין און דוד פּינסקי. ער פאַרזיכערט אונז, אַז דאָס יאָר

יודל דובינסקי, האָפּקינסאָן טעאטער

וועט ער זיך באַמיען, אַז די בעסערע אידישע פּיעסע זאָל נאָך זיין אין אָפּטערער גאַסט אין זיין טעאטער, ווי פאַראַיאָרן.

פאַרזיכערונגען זיינען פאַראַן גוטע, הלואי זאָלן מיר נאָר נישט אנטוישט ווערן.

א בריוול פון אַנשעל שאַר

ה' אנשעל שאַר, וואָס איז אזוי גוט באקאנט אין אונזער טעאטער־וועלט האָט אונז צוגעשיקט פאָלגענד בריוול:

חבר וויינפּער:

כ'האָב געלייענט די ערשטע צוויי נומערן „אויפקום". אויב די ווייטערע נומערן וועלן גיין אויפן זעלבן וועג ווי די ערשטע צוויי, בין איך זיכער אז דער „אויפקום" וועט מאריך ימים זיין. אזא פיינער

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

גע‍זעלשאפטלאך־ליטעראַרישער זשורנאַל האָט א בכבוד'ן פּלאַץ אויף דער אידישער גאַס.

איך שיק אייך מיין האַרציקע ברכה.

אַנשעל שאָר.

נפתלי גראָס אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע

דער יונגער דיכטער נפתלי גראָס איז אָפּגעפאָרן אויף עטלאכע חדשים קיין אייראָפּע. די חברים דיכטער האָבן אים ארויסבאליוט מיט א ליאמע און אים געוואונטשן א גליקלאכע רייזע.

א. אוערבאך'ס א גרעסערע פּאָעמע אין „אויפקום"

מיר האָבן דערהאלטן פון'ם פּאָעט א. אוערבאך א גרעסערע פּאָע־מע: „פרויקע לייזער שוחט'ס". זי וועט זיך אָנהויבן צו דרוקן אין קומענדיקן נומער.

יאטשקאָווסקי אין אמעריקע

פריינד יאטשקאָווסקי, וועלכער פארטרעט דעם ווארשעווער ביכער פארלאג „באָזשאָ" איז אָנגעקומען קיין אמעריקע אין די אינטערעסען פונ'ם פארלאנג.

א צאָל ווארשעווער שריפטשטע־לער האָבן ארייגעשיקט א בריף אהער, אז די היגע אידישע שריפט־שטעלער זאָלן אים העלפן אין דער ארבעט.

דר. איסר גינזבורג איז שוין דאָ צוריק פון אייראָפּא.

דער באַוואוסטער זשורנאַליסט און אידישער געלערנטער, דר. א. גינזבורג האָט זיך צוריקגעקערט די טעג קיין ניו יאָרק פון אַ לאַנגער רייזע איבער אייראָפּע.

אויף זיין רייזע האָט ער באַזוכט פראַנקרייך, ארץ־ישראל, פוילן און אומעטום האָט ער מיט זיין שאַרף אויג בעאָבאַכטעט און שטודירט די אידישע ווי די אַלגעמיינע אייראָ־פּיאישע לאַגע.

ש פ ר ה. פּיניעוו, דאָס איז משונעת. איר זייט אזוי נויטיג אין דער באוועגונג.

פּ י נ י ע ו ו. מיט דעם חשד פון די קאַצענעלענסאָנס בין איך אומניצליך, בין איך שעדליך. פון דעם אלעמען, וואָס איך בין נאָך קיינמאָל נישט ארעסטירט געוועזן, וועלן זיי פעסטער מאכן דעם שטריק ארום מיין האלז. דאָס מוז אויפהערן.

ש פ ר ה. דאָס וועט אויפהערן דורך דעם גרויסן גלויבן אין אייך פון אלע איבעריקע, די נישט־קאַצענעלענסאָנס.

פּ י נ י ע ו ו. איר ווייסט נישט, טאָוואַרישטש, דעם כח פון א חשד. גייט איצטער. עס ווערט שפּעט. דאָס זיין דאָ ווערט אלץ געפערליכער. וואס דארפט איר אריינפאלן?

ש פ ר ה. איך וועל אוועקגיין, ווען איר וועט אוועקגיין.

פּ י נ י ע ו ו. איר ווילט נישט פארשטיין. גייט. איך הייס אייך גיין.

ש פ ר ה. סיידן איר וועט מיך ארויסווארפן. און אויך דאמאָלס וועל איך בלייבן אין א קנויל לעבן אייער טיר און וועל נישט אוועקגיין. איר טאָרט נישט צוליב די פּוסטע ווערטער פון אזאַ מענטש, ווי קאַצענעלענסאָן, מקריב זיין זיך, און איך, די אידיאָטקע, האָב זיי אייך נאָך געדארפט דערציילן.

פּ י נ י ע ו ו. איר האָט גוט געטאָן. איר האָט מיר די אויגן געעפנט.

ש פ ר ה. איז אויב איר באשליסט צו בלייבן, באשליס איך אויך צו בלייבן. איז לאָמיך ליידן פאר מיין לאנגער צונג.

פּ י נ י ע ו ו. טוט, ווי איר פארשטייט. (זיצן א וויילע שטיל, פארזונקען אין געדאנקען. באלד ווענדט ער צו איר זיינע בליקן און קוקט זי אָן באדויערנסווערט). נאריש, איר זאָלט ליידן, טאָ־ווארישטש קונין. גאנץ אומזיסט. נאָך ווייניק געטאָן.

ש פ ר ה (לאָזט זיך פלוצלונג אראָפּ פאר זיינע קני). פּיניעוו! (נעמט זיי ארום).

פּ י נ י ע ו ו (וועלנדיק זיך באפרייען פון איר אומארמונג). גייט, טאָווארישטש קונין, איר דארפט נאָך א סך טאָן. גייט און זייט מיין פארטרעטערין, ביז איך וועל ארויסקומען אויף דער פריי. א סך ארבעט צו טאָן. מיר שטייען דאָך באַם אָנ־הויב, און די צרות פון דעם ארבעטערקלאס ווערן אלץ גרעסער. גייט, טאָווארישטש!

ש פ ר ה (פּולנדיק זיך שטארקער צו זיינע קני). ניין, ניין... מיט אייך!... מיט דיר!.. מיט דיר!... (הינטער דער טיר געקלאנג פון שפּאָרן. גלייך א שטארק קלאפּן אין טיר).

פּ י נ י ע ו ו. (זעצט זיך אויף, גלייכט זיך אוים). זיי זיינען שוין דאָ.

ש פ ר ה (אויפשוידערנדיק און צודריקנדיק זיך צו אים). פּיניעוו! איסאַק! (די טיר ווערט אויפגעעפנט מיט אימפּעט, און זשאנדארמען באווייזן זיך).

(צווייטער אקט אין קומענדיקן נומער)

זיבן און פירציק

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

די נייע היים פון

אידישן קונסט טעאַטער

צווייטע עווע. און 12טע גאס

מאָרים שוואַרץ, דירעקטאָר

וועט זיך עפענען

דאָנערשטיק אָוונט, 7טן אָקטאָבער

מיט מאָרים שוואַרץ'ס אויפפאסונג

פון אברהם גאָלדפאדנס מוזיקאַלישן שפּיל

דאָס צענטע געבאָט

(לא תחמוד)

מוזיק פון יוסף אחרון

דעקאָראַציעס פון ב. אַראָנסאָן

אירווינג פּל. טעאַטער

נייער אידישער קונסט טעאַטער

יעקב בן־עמי, דירעקטאָר

אירווינג פּלייס און 15טע סטריט

טעל. סטייוועסענט 6918

ערשטע אויפפירונג:

„די שיף מיט צדיקים"

א טעאַטער שפּיל אין דריי אקטן

פון ניקאָלאַי יעווּרעאינאָוו

רעזשי: י בן־עמי און נ. יעווּרעאינאָוו

אונזער קינסטלער געזעלשאַפט: יעקב בן־עמי, יחיאל גאָלדסמיט, אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, ראובן ווענדראָף, יעקב מעסטעל, לעאָניד סניעגאָוו, אביגדור פעקער, מאַקס ראָזענטאַל, גרשון רובין און הערש רובין. סטעלאַ אַדלער, בעסי בודניק, ליזא וואראן, ליזא זילבערט, העלען זעלינסקאַיאַ, סלאווע עסטרין, לידיא פּאָטאָצקאַיאַ, יסכה פרענקעל, שרה קראָנער, סאבינא ראָזענטאַל.

מאיר שוואַרץ — סופליאָר

מאַקס ר. ווילנער, הויפט פּאַרוואַלטער

קעסלער

סעקאָנד עוו. טעאַטער

35 סעקאָנד עוו., קאָר. סעקאָנד סט.

פּאַסטערנאַק, זאגער, פּאַרנעס, מענעדזשערס.

טעלעפאָן: דריידאָק 4315־1643.

דאָנערשטיק און פרייטיק, מאַט. און אָוו. (ראש השנה) 9טן און 10טן סעפּטעמבער, און יעדן פרייטיק, שבת און זונטיק מאַט. און אָוו.

מאַלי פּיקאָן

אין רומשינסקי און קאַליך'ס

לופּ־דע־לופּ מיוזיקעל קאָמעדיע

דער קליינער מזיק

ליברעטאָ פון אהרן נאַגער.

ליריקס פון א. ליליען און מאַלי פּיקאָן

אונזער גאַסט

מאַד. רעגינא פּראַגער

איז א גענאָנגס ראָלע אלס „באָבע כאַסיע"

ווילי אַם שוואַרץ

אין א נייער גענאָנגס ראָלע אלס „נייטען"

טיקעטס און בענעפיטס ביליגער ווי איבעראַל.

גאָלדבערג און דזשייקאָבס

נעשאָנאַל טעאַטער

סעקאָנד עווע. און איסט האוסטאָן סטריט.

טעלעפאָן ארטשארד 2612

סעמועל גאָלדינבורג דירעקטאָר

דאָנערשטיק און פרייטיק (ראש השנה) מאַט. און אוו., שבת און זונטיק מאט. און אוו. און אַ גאַנץ יום טוב

אריגינעלע פּראָדאַקשאָן פון בראָדוועי, מיט דער ערלויבניש פון דזש. און ל. ל. שובערט

דער סטודענט פּרינץ

אין הײדעלבערג

פון ד. דאָגלי; מוזיק פון ראָמבערג;

ליריק איבערזעצט פון

סעמועל גאָלדינבורג

אויפגעפירט פון עד. סקענלאָן אונטער דער אויפזיכט פון

דזשייקאָב דזשייקאָבס

איינשטודירט און דיריגירט פון אונזער קאָמפּאָזיטאָר און לידער

אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי

אונזער סטאַר קינסטלער קאָמפּאַני צוזאמען מיט אונזער באַליבטען קינסטלער

מוני וויזענפריינד

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / Public Domain, Google-digitized
https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

מאנישעוויטץ
מצה

„די מצה מיט אַלע מעלות"

מאנישעוויטץ מצה־מעהל, מצה־פארפעל, קעיק־מעהל

געברויכט אין טויזענדער היימען פאר פילע געשמאקע מאכלים אלע טאָג פון יאָר.

צו באקומען בא אלע גראָסערס און דילערס.

די ב. מאנישעוויטץ קא., סינסינעטי, אהייא

The Amalgamated Bank of New York

די ערשטע ניו יאָרקער אַרבעטער באַנק

לאַדעט איין אַלע חברים און פריינט און אַלע דעפאזיטאָרס אין איר נייער פראַכטפולער היים

11-15 Union Square, Cor. 15th St.

געלט געשיקט נאָך רוסלאַנד און פוילען ווערט אויסגעצאָלט אין אַמע־ריקאַנער דאָלארס.

די בעסטע מאכלים

— און —

די שענסטע מוזיק

מאָסקאָוויטש בא דער צימבאלע

— אין —

מאָסקאָוויטשעס רעסטאָראַן

76 צווייטע עוו ניו יאָרק

טעלעפאָן: דריידאק 8779.

קאנעל סטיישאָנערי קאָמפּאַני און דרוקעריי

איר קריגט אלע, וואָס איר דארפט: פענסילס, פּאפיר און פארשידענע אנ־דערע דרוק מכשירים. אלע לערער פון אלע שולן קויפן בא אונז.

52 Canal Street, cor. Orchard St. ***Tel. Orchard 4354***

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN

דער אויפקום פון א נייעם אידישן ישוב

עזרא פארק

בײ לינדענהורסט

דער צוקונפטיגער גרויסער אידישער צענטער אין בעסטען פלאץ פון לאָנג איילאנד, וואו דער

מארגען זשורנאל

אפערט זיינע לעזער פול־אימפּרואוועטע לאטס צו אויסערגעוויינלאך ביליקע פרייזן, האָט א פלאץ פאר א גרויסע צאָל אידן וואָס ווילן העלפן אין דער גרינדונג און אויפבויאונג פון א נייע שיינע אידישע שטאָדט צווישן יונגע פאין־בוימער און עטליכע מינוט פון גרעיט סאוט בעי.

אויב איר זייט ניט געווען גאָר פון די ערשטע טאָ
זעט לכל הפחות איר זאָלט ניט זיין גאָר די לעצטע.

די לאטס ווערען פארקויפט פיל שנעלער ווי מען האָט ערווארטעט

לאָזט ניט פארבייגיין די גלענצענדע געלעגנהייט און קויפט גלייך לאטס אין

עזרא פארק לאטס אויסצוצאָלן אין 32 חדשים $215 און העכער

עזרא פארק

איז ניט נאָר אַ גלענצענדע צוקונפט נאָר גלייך שוין אַ גאָלדענע געגנוואַרט. איר קאָנט גלייך קויפן אייער לאָט און זיך פאַרזיכערן מיט אַ גוטע אינוועסטמענט.
ווארט ניט אויפ'ן גרויסן בום וואָס קומט איצט מיט רעש אין לאָנג אלאנד און קויפט גלייך, וויפיל לאטס איר קענט.

פאר פולע אינפאָרמאציע טעלעפאָנירט אָדער קומט אין איינעם פון די פאָלגענדע אָפיסעם פון „מאָרגען זשורנאל":

מעין אָפיס:
77 בויערי
קאָר. קאנעל סט.
טעל. אָרטשארד 8400
אָפן יעדן טאָג ביז 10 אור אָוונט. פרייטיק ביז 5 פאַר־נאַכט. שבת אָוונט פון נאָך מעריב ביז 10 אור.

בראָנזוויל און איסט ניו יאָרק אָפיס:
1808 פיטקין עוועניו
טעל. דיקענס 0704
אָפן דיזעלבע שטונדן ווי דער מעין אָפיס.

אפּטאון ברענטש:
1440 בראָדוויי
קאָר. 40טע סט.
רום 672.
טעל. פענסילוויניא 9550.
אָפן יעדן טאָג (אויסער שבת און זונטיק) ביז 6 אור אָוונט.

— —

Ezra Park Department, Jewish Morning Journal
77 Bowery, N. Y. City, Tel. Orchard 8400

ביטע שיקט אייער פאַרטרעטער מיט איינצלהייטן וועגן די עזראַ פאַרק לאַטס
מערקט אָן ווען מען קאָן אייך טרעפן אין דער היים)

נאָמען — — — — — — — — — — — — — — — —

אַדרעס — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

(אָן שום פאַרפליכטונגען צו קויפן).

פינסקי־מזל פרעס, אינק., 84 באוערי, ניו יאָרק. 446

Generated at Harvard University through HathiTrust on 2026-05-25 18:53 GMT / https://hdl.handle.net/2027/mdp.39015035969792 / Public Domain, Google-digitized
Digitized by Google
Original from UNIVERSITY OF MICHIGAN